STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11969

DI FROY FUN YAM

Henrik Ibsen

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

HENRIK IBSEN
Born 1828, Died 1906

פערלאג „פראגרעס".

הענריק איבסען.

די פרוי פון ים

דראמא אין 5 אקטען

איבערזעצט פון

ס. דאבריס

גענומען פון דער „פרייער ארבייטער שטימע".

ארויסגעגעבען פון מ. זוסמאן

לאנדאן 1908

90 ניו רויד — ווייטשעפעל א.

אלע רעכטע פארבעהאלטען.

Published, 1908.

by M. Sussman, 90, New Rd. Whitechapel,

London E.

„נייע צייט" דרוקעריי, גרין ענד לאש, 57, פלאמבערס רוי, וויטשעפעל א.

פערזאנען.

דר. וואנגעל.

עליזא, זיין פרוי.

באלעטא, } זיינע קינדער פון דער ערשטער פרוי.
הילדא,

לינגסטראן.

באלעסטעד.

ארנהאלם א פראפעסאר.

א פרעמדער.

יונגע מענשען פון שטאדט.

טוריסטען וואנדערער.

זומער־איינוואהנער.

די האנדלונג קומט פאר זומער־צייט, אין א שטאדט אין נארד־נארוועגיען, נעבען א פיארד.

ערשטער אקט.

דאס הויז פֿון דר. וואנגעל, לינקס אַ גרויסער באלקאן, אויף דעם דאַך פֿון באַלקאָן אַ פֿלאַגשטאַנג. פֿאר דעם הויז אַ הויף, אַרום דעם אַ גאָרטען. אין גאָרטען רעכטס, אַ בעסיעדקע מיט אַ טיש און שטוהלען. אין הינטער־גרונד אַרום גאָרטען אַ געפֿלאָכטענער פלאַנקען מיט אַ טירעל. אויף דער אַנדערער זייט פלאַנקען אַ וועג צום וואַסער, ביי די זייטען, אַלעען מיט געדיכט בעוואַקסענע בוימער. פֿון ווייטען זעהט זיך דער פיאַרד *). דערביי זעהען זיך הויכע בערג אַ וואַרימער. שעהנער זומער־טאָג.

באלעסטעד. (אַ מיטעל־יעהריגער מאַן, אָנגעטאָהן אין אַן אַלטען סאַמעטענעם פידזשאַק, אין אַ ווייכער העט מיט ברייטע ראַנדען, שטעהט ביים פֿלאַג־שטאַנג און בינדט אָן אַ שטריק. דער פלאַג ליגט אויף דער ערד. עטוואס ווייטער אין הויף שטעהט אַ מאַילבערט **). נעבען דעם שטעהט אַ שטוהל מיט פינזלען, בערשטלאַך און פֿערשיעדענע פֿאַ־בען).

באלעטא. (געהט אַרויס פֿון הויז דורך אַ טיר אויף דעם באלקאן. אין האַנד האַלט זי אַ וואַזע מיט בלומען, וועלכע זי שטעלט אַוועק אויפ׳ן טיש).

ני, ווי דענקט איהר, הערר באלעסטעד, וועט זיך דער פלאַג טאַקע קענען ארויף־און־אראפציהען ?

באלעסטעד. געוויס, פֿריילין. דאס איז א קלייניגקייט. איהר וועט מיר ערלויבען — וואס־זשע, איהר ערווארטעט היינט געסט ?

---

*) פיאַרד — א גרוב פֿון ים, וואס שניידט זיך אריין אין דער יבשה און ציגיסט זיך אין קליינע קאנאלען. אויף די געאגראפֿישע ים־קארטס ווערט דאס אין ענגליש בעצייכענט מיט דעם ווארט „סאונד". — איבערזעצער.

**) א געשטעל, אויף וואס מען ציהט אויף די לייוואנד צום מאהלען.

באלעטא. יא, מיר ערוואַרטען היינט צו מיטאג פּראָ־פּעסאָר ארנהאלם. ער איז די נאכט נעקומען אהער אין שטאדט.

באלעסטעד. ארנהאלם? דוכט זיך, אז אזוי פּלעגט מען רופען דעם לעהרער, וואס איז דא געווען מיט עטליכע יאהר צוריק?

באלעטא. ריכטיג. ער איז עס טאקי.

באלעסטעד. אזוי, אזוי! איז ער אלזא ווידער דא ביי אונז?

באלעטא. דערפאַר ציהען מיר היינט ארויף דעם פלאג; דאס איז לכבוד איהם.

באלעסטעד. געוויס, געוויס, דאס פערשטעהט זיך. (באלעטא געהט צוריק אַריין אין הויז. לינגסטראַן בעוויזט זיך פון דער רעכטער זייט. דערזעהענדיג די מאהלער־געצייג בלייבט ער שטעהן. ער איז א זעהר ערדלער יונגערמאן, ארים, אבער נעט געקליידעט. ער שיינט צו זיין עטוואס קרענקליך.)

לינגסטראַן. (פון דער אנדערער זייט פלאנקען) גוט מארגען.

באלעסטעד. (קוקט זיך ארום) א! גוט מארגען! (ציהט ארויף דעם פלאג) נא, אט פלאטערט ער שוין. (בינדט צו דעם שטריק און לאזט זיך געהן צום מאַלבערט) גוט מארגען, מיין הערר. איך האב אפילו ניט דאס פערגעניגען אייך צו קענען.

לינגסטראַן. איהר זייט אודאי א מאהלער, ניט אזוי?

באלעסטעד. אט ווי איהר זעהט. פאַר וואס זאל איך עפעס ניט זיין קיין מאהלער?

לינגסטראַן. יא, ריכטיג. וועט איהר מיר פּערלויבען אריינקומען צו אייך אויף א ווײלע?

באלעסטעד. איהר ווילט אודאי זעהען דאס בילד, וואס איך מאהל?

לינגסטראַן. יא, איהר האט געטראָפען, איך וויל זעהר זעהן דאס בילד, וואס איה־ מאכט יעצט פערטיג.

באלעסטעד. איהר וועט אבער יעצט נאך גאר ניט קענען זעהן. נור דאך קומט אריין, מיט דעם גרעסטען פערגעניגען קומט אריין, קומט נעהנטער.

לינגסטראן. איך דאנק אייך זעהר. (געהט אריין דורכ'ן טירעל).

באלעסטעד. (מאהלט) איהר זעהט, איך מאהל דעם פיארד, צווישען די אינזלען.

לינגסטראן. ריכטיג, יא, יא, איך זעה.

באלעסטעד. עס פעהלט נאך אבער דא א פערזאן. אין אונזער שטעדטעל איז זעהר שווער צו קריגען א ריכטיגען מאָדעל.

לינגסטראן. וועט דען דא נאך זיין די פיגור פון א פערזאן?

באלעסטעד. יא, אויף דעם פאדערגרונד, נעבען פעלז, וועט ליגען א גוסס'ענדע וואסער־פרוי. *)

לינגסטראן. צו וואס נאר א גוסס'ע?

באלעסטעד. זי האט פערבלאנדזשעט, און וועט פאר קיין פאַל ניט קענען קומען צוריק צום וואסער. נו, פערשטעהט זיך, דאס זי ליגט און געהט אויס. האט איהר פערשטאנען?

לינגסטראן. אזוי...

---

*) אין סקאנדינאוויען גלויבט דאס פאלק אין די עקזיסטענץ פון אזא בעשעפעניש, וואס איז האלב פיש, האלב פרוי, וועלכע קען זעהר שעהן זינגען און אזוי פערנאַרט זי די מענשען דורך איהר זעהר שעהן קול. זיי גלויבען אויך, דאס ווען אזא פרוי זאל ארויסגעהן אויף דער יבשה, און היראטהען, ווערט זי אן אמת'ער מענש מיט א נשמה. פיעלע נייעסטע שרייבער פון דער ראמאנטישער שוהלע האבען זיך בענוצט מיט דיזע אגעו, און האבען געשריבען אין פערשיעדענע פאָרמען וועגען זיי. צווישען די מעהר־בעוואוסטע איז דא, למשל, איין ערצעהלונג „די וואסער-פרוי" פון דעם דייטשען שרייבער דע־לאמאט־פאקע. אויך הענריך היינע האט וועגען דיזע זאגען געשריעבען אין זיין געדיכט „איך ווייס ניכט, וואס זאל עס בעדייטען"... — איבערזעצער.

באלעסטעד. דאס האט מיר די ווירטהין פון דעם הויז אנגעצייגט די אירעע צו מאהלען דיזעס בילד.

לינגסטראן. און ווי וועט איהר אנרופען דאס בילד, ווען איהר וועט דאס פערטיג מאכען?

באלעסטעד. איך רעכען דאס אנרופען „דער טויט פון א וואסער־פרוי".

לינגסטראן. א זעהר פאסענדער נאמען. מיט אזא סוזשעט וועט איהר זיכער שאפען עטוואס זעלטענעס.

באלעסטעד. (קוקט זיך אום צו איהם) איהר זיינט פיליייכט אויך א מאהלער?

לינגסטראן. ניין, איך בין ניט קיין מאהלער, איך האף אבער צו ווערען א סקולפטאר. מיין נאמען איז, האנז לינגסטראן.

באלעסטעד. הייסט עס דאס מיר האבען די עהרע צו ריידען מיט א צוקינפטיגען סקולפטאר. נו, סקולפטור איז אויך א זעהר גרויסע קונסט. מיר דוכט, דאס איך האב אייך שוין געזעהן דא א מאל. ווי לאנג פערברענגט איהר שוין דא?

לינגסטראן. איך בין ערשט דא צוויי וואכען צייט. איך וואלט זעהר גערן דא פערברענגען ביז ענדע זומער.

באלעסטעד. וואהרשיינליך אום זיך צו באדען אין בעדער?

לינגסטראן. ווירקליך, איך דארף קומען א ביסעל צום געזונד.

באלעסטעד. איהר פיהלט זיך דען קראנק?

לינגסטראן. יא, איך פיהל ניט געזונד, עס איז אבער ניט געפעהרליך, עפעס אזא זארט זארישקע, מעהר גאר ניט.

באלעסטעד. בע. פוסטע זאכען! דאך מעגט איהר זיך זעהן מיט א גוטען דאקטאר.

לינגסטראן. איך האב שוין אליין געטראכט זיך

זעהן מיט דר. וואנגעל ביי א געלעגענהייט.

באלעסטעד. יא, יא, זעהט זיך טאקי מיט איהם (קוקט זיך אום לינקס) עס געהט שוין ווידער א שיף. אך, וויפיעל מענשען דארט זיינען פאראן, ווי גרויס די לוסט צום וואנדערען עס איז געווארען די לעצטע יאהרען!

לינגסטראן. איך גלויב, דאס די געשעפטען דארפען דא געהן גוט.

באלעסטעד. בעזונדער אין זומער־צייט זיינען דא אהן א צאהל. איך האב אפט מורא, אז אונזער שטאדט זאל דורך דעם ניט פערלירען פיעל פון איהר איינדרוק, וואס זי מאכט מיט איהר אויסזעהן. אזוי פיעל אויסלענדער, עס איז ניט קיין קליינינגקייט.

לינגסטראן. איהר וואוינט שוין לאנג אין דער שטאדט?

באלעסטעד. א יאהר זיעבצעהן, אכטצעהן. איך בין אהער געקומען מיט א גרופפע אקטיארען, דא זיינען אונזערע פינאנסען אויסגעגאנגען, און מיר האבען זיך צוזייעט און צושפרייט אין אלע פיער זייטען פון דער וועלט.

לינגסטראן. און איהר זיינט דא געבליבען אליין?

באלעסטעד. איך בין דא געבליבען, ווי איהר זעהט. איך מוז אייך זאגען דעם ריינעם אמת, דאס עס איז געווען פאר מיר א גרויסע טובה, דאמאלס האב איך בלויז געארביים אלס א רעקארייטאר. (באלעטא טראגט ארויס א וויגשטוהל אופ'ן באלקאן און שטעלט איהם אוועק).

באלעטא. (אין שטוב אריין) הילדא, געפין ערגעץ דארטען דעם פאפא'ס פוס־בענקעלע.

לינגסטראן. (געהט נעהנטער צים באלקאן און פערנייגט זיך). גוט מארגען, פריילייין וואנגעל!

באלעטא. (ביי דער פארענטשע פון באלקאן) א! דאס זיינט איהר, הערר לינגסטראן! גוט מארגען. ענטשולדיגט אויף

איין מינוט, איך קום גלייך צוריק. (אב אין הויז).

באלעסטעד. איהר קענט זיך מיט דער פאמיליע פון דעם הויז?

לינגסטראן. זעהר ווענינ. איך האב א פאר מאל בעגעגענט די צווי יונגע פריילינס אין א בעקאנטע הויז. דאס לעצטע מאל האב איך זיי אלעמעז געזעהען אויף דעם בולוואר, ווען די מוזיק האט דארטען געשפילט, דאמאלס האט מיך אייך מאדאם וואנגער איינגעלאדען צו זיי אין הויז.

באלעסטעד. איך וואלט אייך ראטהען, איהר זאלט דיזע בעקאנטשאפט אנהאלטען.

לינגסטראן. איך האב דאס שוין אליין גערעכענט, איך קלויב מיך טאקי זיי בעזוכען. נור קומען גלאט אזוי פאסט ניט, איך ווארט אויף א געלעגענהייט.

באלעסטעד. וויים איך, וואס איהר דארפט א געלעגענהייט. (קוקט זיך ארום לינקס) א, טייפעל! (נעמט צו זאמען זיינע זאכען) די שיף איז שוין נעבען ברעג, און איך זיץ נאך אלץ דא. אלזא, מען דארף געהן, פיליכט וועט מיך יעמאנד פון די אנגעקומענע געברויכען. איך בעשעפטיג זיך אויך מיט האר־שניידען. איך בין א געניטער פאריקענמאכער.

לינגסטראן. ווי עס ווייזט אויס, האט איהר א סך מלאכות.

באלעסטעד. אין א קליין פלאץ מוז מען זיך צופאסען צו פערשיעדענע פראפעסיאָנען. פיליכט וועט איהר א מאל עטוואס דארפען, דאן פרעגט נור אויף דעם טאנץ־לעהרער, באלעסטעד.

לינגסטראן. טאנץ־לעהרער?

באלעסטעד. אויב איהר ווילט, פרעגט אייך אויף דעם פרעזידענט פון דער היגער מוזיקאלישער געזעלשאפט, היינט אבענד האבען מיר א קאנצערט אויף דעם בילוואר. א גוטען טאג, גוטען טאג! (ער נעהמט זיך זיינע זאכען און געהט אב דורך דעם טירעל

פון הויף, לינקס).

ה י ל ד א. (קומט ארויס אויף דעם באלקאן מיט דעם פוס־ביינקעלע אין האנד. באלעטע טראגט ארויס נאך א בוקעט בלומען. לינגסטראן פערגייגט זיך פאר זיי, שטעהענדיג אין הויף.)

ה י ל ד א. (אנגעשפארט אן דער פארענטשע פון באלקאן) מיין שוועסטער באלעטא האט מיר שוין דערצעהלט, דאס איהר זיינט אריינגעגאנגען צו אונז אין גארטען.

ל י נ ג ס ט ר א ן. ווי איהר זעהט, איהר וועט מיר געוויס ענטשולדיגען, וואס איך האב מיר גענומען די ערלויבניס אריינצוקומען.

ה י ל ד א. איהר שפאצירט יעצט אודאי ?

ל י נ ג ס ט ר א ן. אה, ניין, היינט האב איך נאך זעהר ווייניג שפאצירט.

ה י ל ד א. האט איהר זיך שוין געבאדען ?

ל י נ ג ס ט ר א ן. יא, איך בין שוין געוועזן אין ים. איך האב דארט אויך געזעהען אייער מוטער.

ה י ל ד א. ווען האט איהר דארט געזעהן ?

ל י נ ג ס ט ר א ן. אייער מוטער.

ה י ל ד א. א, אזוי ? (שטעלט אוועק דאס פוס־בענקעלע נעבען ראקינג־טשער)

ב א ל ע ט א. (מישט זיך אריין, אום איבערצושלאגען זיי דעם געשפרעך) האט איהר פיליכט דארטען געזעהען מיין פאטער'ס שיפעל אויף דעם פיארד ?

ל י נ ג ס ט ר א ן. איך האב טאקי געזעהן א שיפעל צוקומען צום ברעג. א קליינעם זעגעל־שיפעל.

ב א ל ע ט א. דאס האט זיכער געמוזט זיין דער פאפא. ער האט בעזוכט א פאר קראנקע אויף די אינזלען (ברענגט אין ארדנונג איינציגע זאכען אויפ'ן טיש).

ל י נ ג ס ט ר א ן. (געהט נעהנטער צום הויז און שטייגט ארויף די שטיגען). אך, ווי שעהן דא איז ביי אייך, וויפיעל בלומען !

ב א ל ע ט א. ניט אמת, עס איז זעהר שעהן?

ל י נ ג ס ט ר א ן. זעלטען שעהן. עס מוז אודאי ביי איך זיין א פאמיליען יום־טוב?

ה י ל ד א. א שטיקעל יום־טוב.

ל י נ ג ס ט ר א ן. מען קען ווירקליך רעכענען אזוי, זעהענדיג דאס אלעס פאר זיך. געוויס איז עס אייער פאטערס געבורטס־טאג.

ב א ל ע ט א. (וועלענדיג איבערשלאגען הילדא'ן) המם... המם...

ה י ל ד א. (ניט קימער'ענדיג זיך וועגען באלעטא'ס אונצופרידענהייט) ניין, דאס איז דער מאמא'ס געבורטס־טאג.

ל י נ ג ס ט ר א ן. אזוי, הייסט עס, אייער מוטער'ס?

ב א ל ע ט א. (שטיל, מיט א ברוגז־טאָן) הילדא!

ה י ל ד א. (אין כעס) אך, לאָז מיך צורוה! (צו לינגסטראן) איהר געהט יעצט וואהרשיינליך אָנבייסען?

ל י נ ג ס ט ר א ן. (געהט צוריק ארונטער פון די שטיגען) יא, עס איז שוין טאקי ווירקליך צייט צו פריהשטיקען.

ה י ל ד א. וואו וואוינט איהר יעצט, נאך אלץ אין דעם זעלבען האָטעל?

ל י נ ג ס ט ר א ן. איך וואוין שוין דארט מעהר ניט, דארטען איז צו טהייער פאר מיר.

ה י ל ד א. וואו פּאַרט געפינט איהר זיך יעצט?

ל י נ ג ס ט ר א ן. איך וואוין יעצט ביי מאדאם דושענסען, אויף דעם בארג. דערווייל, גוטען טאג. איך מוז יעצט געהן, גוטען טאג.

ב א ל ע ט א. (געהט ארויס אויף די שטיגען) גוטען טאג, גוטען טאג, הערר לינגסטראן. איהר וועט אונז ענטשולדיגען פאר היינט. קומט אריין אן אנדערש מאל, ווען איהר וועט נור צייט האבען. דער פאפא און מיר אלע וועלען זעהר צופריעדען זיין.

ל י נ ג ס ט ר א ן. איך דאנק איך. איך וועל זיכער קומען,

מיט דעם גרעסטען פערגעניגען. (פערבייגט זיך און געהט צו צום טירעל פון הויף, ארויסגעהענדיג אויף דער אנדערער זייט פערנייגט ער זיך נאך א מאל און פערשווינדעט. לינקס).

ה י ל ד א. (שרייט, ניט זעהר הויך) אדיא, מוסיא! זייט אזוי גוט, גריסט דארטען אין מיין נאמען דער מומע דזשענסען.

ב א ל ע ט א. (כאפט זי אן פאר'ן האנד) הילדא, וואס איז דאס פאר א שטיק! ביזט פון זינען אראפ! ער האט דאך געקענט דערהערען.

ה י ל ד א. נו, איז וואס, דענקסטו, איך וועל זיך שעהמען!

ב א ל ע ט א. (קוקט זיך ארום רעכטס) דער פאפא געהט שוין.

(דר. וואנגעל, אנגעטהאן ווי א רייזענדער מיט א קליין רענצעל אין האנד, צייגט זיך אויף דער סטעזשקע רעכטס.)

ו ו א נ ג ע ל. אט בין איך אייך דא, קינדערלעך. (געהט אריין דורך'ן טירעל).

ב א ל ע ט א. (געהט איהם אנטקעגען אין גארטען) זעהר גוט, וואס דו ביזט געקומען.

ה י ל ד א. (געהט אויך ארונטער אין גארטען). ביזט היינט פריי פאר דעם גאנצען טאג פאפא?

ו ו א נ ג ע ל. ניין, טהייערע, איך וועל נאך מוזען היינט זיך בעשעפטיגען אין מיין עמפפאנגס־צימער. ווייסט איהר ניט, איז הערר ארנהאלם שוין דא?

ב א ל ע ט א. יא, ער איז די נאכט אנגעקומען. מיר האבען זיך ערקונדיגט אין האטעל אויף איהם.

ו ו א נ ג ע ל. האט איהר איהם נאך ניט געזעהען?

ב א ל ע ט א. ניין, ער וועט וואהרשיינליך זיין ביי אונז פאר מיטאג.

ו ו א נ ג ע ל. ער וועט זיכער קומען.

ה י ל ד א. (שלעפט איהם מיט זיך) פאפא, קוק זיך נור ארום.

ו ו א נ ג ע ל. (קוקט אויף דעם באלקאן) איך זעה, איך זעה, מיין קינד. יום־טוב'דיג, פיין.

באלעטא. איא, פאפא, מיר האָבען דא שעהן פערפוצט?

וואנגעל. אָה, זעהר שעהן. איהר זיינט נאר אליין אין הויז?

הילדא. יא, זי איז אוועקגעגאנגען.

באלעטא. (שלאָגט איהר איבער שנעל) די מאמע איז זיך געגאנגען באָדען.

וואנגעל. (קוקט ליעבליך אויף באלעטא'ן, גלעט זי איבער'ן קאָפּ) הערט נור, קינדער, וואס־זשע. אזוי וועט דאָ זיין אַ גאַנצען טאג? דער פלאג וועט אויך פלאטערען א גאנצען טאג?

הילדא. געוויס, פאפא, וואס דען?

וואנגעל. הממ... געוויס, נור עפּעס...

באלעטא. (ווינקט צו איהם) ווער עס ווייס ניט, קען דענקען, אז דאס איז צוליעב פראפּעסאָר אַרנהאלם. פאר וואס ניט. ווען אזא גוטער אלטער בעקאנטער קומט דיך בעזוכען...

הילדא. (שלעפּט איהם פאר די קליידער) פאַ־געס אויך ניט, פאפא, דאס ער איז דאָך געווען באלעטא'ס א לעהרער.

וואנגעל. איהר זיינט גרויסע שטיפערקעס. אך, מיין גאָט, מיין גאט! אין אמת'ן, איז דאס דאך גאנץ נאטירליך, וואס מיר עראינערען זיך אן דער, וועלכע איז מעהר ניטא צווישען אינז. נור דאך... הילדא, נעהם דאס (גיט איהר איבער דאס רענצעל) טראָג דאס אפּ אין עמפּפאַנגס־צימער. ניין, קינדער, מיר געפעהלט דאס ניט. מיר געפעהלט ניט די מיטלען, איהר פערשטעהט?... דאס. וואס מיר דאַרפען אלע יאהר אויף אזא אופן... א, נור וואס קען מען זיך העלפען, ווי קען מען דאס מאכען אַנדערש?... (הילדא וויל דורכגעהן דעם גאָרטען לינקס, שטעלט זיך אָפּ מיט דעם רענצעל אין האנד. דרעהט זיך אום און ווייזט מיט'ן פינגער).

הילדא. קוקט נור, זעהט נור דעם מאן, וואס געהט אָן, דאָרטען, דאס מוז אוראי זיין דער פראפּעסאר.

באלעטא. (קוקט זיך אים אין דער זייט) אָט, דער, אָ?

(לאכט) עס איז נור צום לאכען פון דיר, וואס דו דענקסט, אז דער דיקער מאן זאל זיין דער פראפעסאר ?

וואנגעל. ווארט נור, מעגליך טאקי, אז יא, געווים ער, וואס דען, זיכער ער.

באלעטא. (קוקט אנגעשטרענגט, א ביסעל דערשראקען) אויף מיין עהרען ווארט, איך הויב אויך אן צו גלייבען, אז דאס איז ער.

(פראפעסאר ארנהאלם, אנגעטהאן אין א לייכטען זומער-אנצוג, מיט אויגען גלעזער, אין האנד האלט ער א דין שטעקעלע, קומט אן פון וועג לינקס, ער קוקט אריין אין גארטען, פארבויגט זיך, און געהט אריין דורך דעם טירעל).

וואנגעל. (געהט איהם אנטקעגען) וואס מאכט איהר, טהייערער פראפעסאר ? עס פרעהט מיך ווירקליך, וואס איך זעה אייך נאך א מאל דא, אין אונזער אלטער היים !

ארנהאלם. איך דאנק אייך זעהר, גוטער דר. וואנגעל. איך דאנק אייך טויזענד מאל (זיי דריקען זיך פריינדליך די הענד.) אט זיינען אויך די קינדער ! (שטרעקט אויס די הענד צו זיי.) איך וואלט זיי שוין גאר ניט דערקענט.

וואנגעל. איך דענק אויך אזוי.

ארנהאלם. געוויס ניט דערקענט, באלעטא'ן אפשר נאך יא

וואנגעל. מעגליך. עס איז שוין טאקי אכט-ניין יאהר זייט איהר האט זיי געזעהען דאס לעצטע מאל. פאר דער צייט האט זיך פיעלעס, פיעלעס איבערגעביטען.

ארנהאלם. (קוקט זיך ארום) פארקערט, מיר דוכט, אז אלעס איז ווי געוועזן, אויסער פילייכט, וואס די בוימער זיינען פאר דער צייט אויסגעוואקסען. איך שטעהט דא יעצט א בער-היעדקע, וואס איז דא פריהער ניט געוועזן.

וואנגעל. דאס זיינען בלויז אויסערליכע ענדערונגען...

ארנהאלם. (שמייכעלט) אויך די קינדער זיינען שוין פיין אויסגעוואקסען. זיי פאסען זיך שוין גאר אין גיבען פאר כלות...

וואַנגעל. פֿאַר אַ כלה פּאַסט זיך בלויז איינע דערוויילּ.

הילדאַ. (שטיל) איהר הערט, וואָס דער פּאַפּאַ זאָגט?

וואַנגעל. איך רעכען, אַז עס וואָלט בעסער געווען, מיר זאָלען זיך אַוועקזעצען אויף דעם באַלקאָן. דאָרט איז פֿיעל קיהלער, ווי דאָ, קומט.

אַרנהאָלם. איך דאַנק אייך, דאַנק אייך, גוטער דאָקטאָר. (זיי געהען אַלע אויף דעם באַלקאָן. דר. וואַנגעל זעצט אַנידער אַרנהאָלם'ען אין דעם וויעג־שטוהל).

וואַנגעל. יעצט רוהט אייך אויס אַ ביסעל, איהר זיינט אודאי זעהר מיעד פֿון וועג.

אַרנהאָלם. דאָס מאַכט ניט, איך פֿיהל זיך ניט זעהר מיעד.

באַלעטאַ. (צו דר. וואַנגעל) פֿיליבט זאָל איך אַריינברענגען זעלצערוואַסער מיט איינגעמאַכץ אין זאַל אַריין? דאָ וועט באַלד ווערען הייס.

וואַנגעל. גוט, גאַנץ גוט, ברענג טאַקי זעלצערוואַסער מיט איינגעמאַכץ. ברענג שוין אייך מיט דעם קאָניאַק.

באַלעטאַ. קאָניאַק אויך?

וואַנגעל. יעדענפֿאַלס, טאָמער ווילט זיך איינעם פֿון אונז אַ ביסעל.

באַלעטאַ. גוט. הילדאַ, וואַרום טראָגסטו ניט אַוועק דאָס רענצעל, וואו דער פּאַפּאַ האָט דיר געהייסען? (זי געהט אַריין אין הויז און פֿערמאַכט די טיהער הינטער זיך. הילדאַ נעהמט דאָס רענצעל און געהט אַוועק דורך דעם גאָרטען, לינקס).

אַרנהאָלם. (בעגלייטענדיג באַלעטאַ'ן מיט זיינע בליקען) װירקליך, די קינדער זיינען זעלטען שעהן אויסגעוואַקסען.

וואַנגעל. (זעצט זיך אויף אַ שטוהל). ניט אמת, זיי זיינען זעהר שעהן?

אַרנהאָלם. איך בין פשוט ענטציקט פֿון באַלעטאַ'ס שעהנהייט. אַז הילדאַ איז אייך זעהר שעהן. נור דערצעהלט

בעסער, וואָס איהר מאכט עפּעס, גוטער דאקטאר. איהר רעכענט שוין דא בלייבען אויף אייער גאנצען לעבען?

וואַנגעל. געווים, עס וועט שוין אודאי אזוי אויסקומען. פערגעסט ניט, אז דאָ בין איך געבוירען געווארען, דא האָב איך פערבראכט אזוי פיעל גליקליכע טעג מיט דער, וועלכע האט אונז אזוי יונג פערלאזען, מיט דער, מיט וועלכער איהר האט זיך בעקענט, ווען איהר זיינט דאָ געוועזען דאס לעצטע מאל.

ארנהאלם. יא, יא.

וואַנגעל. יעצט פיהל איך זיך גליקליך מיט דער וועלכע פערנעהמט איהר פּלאץ דאָ. איך זאָל אייך זאגען דעם אמת, האב איך זיך גאָר ניט צו בעקלאָגען אויף מיין שיקזאל.

ארנהאלם. האט איהר נאָך עפּעס קינדער פון דער צווייטער הייראַט?

וואַנגעל. עס איז געבוירען געוואָרען אַ קינד, צוויי, צוויי מיט אַ האַלב יאָהר צוריק, עס האט אבער לאַנג ניט גע־לעבט, עס איז געשטאָרבען ווען עס איז אַלט געוועזען אַ חדשים פינף.

ארנהאלם. וואו איז ערגעץ אייער פרוי, איז זי גאָר אין דער היים ניטאָ?

וואַנגעל. ניין, זי וועט שוין אָבער באַלד קומען. זי איז געגאנגען זיך באָדען. יעדען טאָג, אין דער צייט, מוז זי זיך באָדען. עס מעג דונערען און בליצען.

ארנהאלם. איז זי פיליכט קראנק אויף עטוואס?

וואַנגעל. עס איז ניט קיין געפאַהר, זי איז בלויז זעהר נערוועז די לעצטע פּאָר יאהר. איך פערשטעה אַליין ניט, וואס עס געהט מיט איהר פאָר, זי לעבט פשוט מיט דעם וואַסער. געהן צום ים — דאס איז איהר בעסטער פערגעניגען.

ארנהאלם. איך געדענק דאס נאָך פון לאַנג.

וואַנגעל. (מיט אַ קוים בעמערקבאַרען שמייכעל) יא, איך ווייס, דאס איהר זיינט בעקאַנט מיט מיין פרוי. איהר קענט זיך

נאָך פֿון סקאָלדוויק, ווען איהר זיינט דאָרטען געוועזן אלס לעהרער.

א ר נ ה א ל ם. ריכטיג. איך פֿלעג זי זעהר אָפֿט זעהען, ווען איך פֿלעג בעזוכען איהר פֿאָטער אויף דעם לייכט־טהורעם.

וואַנגעל. די יאהרען, וואס זי האט דאָרט פֿערבראַכט, האבען אַ זעהר שטאַרקע ווירקונג געהאט אויף איהר. דאָ אין שטאָדט קען מען דאס גאָר ניט פֿערשטעהן. און דערפֿאַר רופֿען זי אַלע „די מאדאם פֿון ים".

א ר נ ה א ל ם. איז דאס ריכטיג!

וואַנגעל. יא, רעדט זיך דורך מיט איהר אַ ביסעל וועגען דער פֿערגאַנגענהייט. איך גלויב, אז דאס וועט זעהר גוט ווירקען אויף איהר.

א ר נ ה א ל ם. (קוקט איהם אן פערוואונדערט) איהר דענקט גלאַט אזוי, אדער איהר האט אורזאַכען צו גלויבען, אז עס וועט זיין אזוי?

וואַנגעל. געוויס האָב איך אורזאַכען. (פֿון אונטען אין דעם גאָרטען הערט זיך עליזא'ס קול) דאס ביזט דו, וואנגעל?

וואַנגעל. (שטעהט אויף פֿון פלאַץ) יא, טהייערע, דאס בין איך. (עליזא. איינגעוויקעלט אין אַ לייכטען שאַל, מיט נאַסע האָר, וועלכע זיינען צואוואָרפֿען ביי איהר אויף די שולטערן, קומט אַרויס פֿון צווישען די בוימער נעבען דער בעסידקע. ארנהאלם הויבט זיך אויך אויף פֿון פלאַץ).

וואַנגעל. אָט איז אויך דאָ מיין „וואסער־פֿרוי".

עליזא. (געהט שנעל ארויף אויפ'ן באַלקאָן, נעהמט איהם אָן פֿאַר דער האַנד) דאנקען גאָט, איך זעה דיך נאָך אַ מאָל! ווען ביזטו געקומען?

וואַנגעל. נור וואס, אַ פּאָר מינוטען פֿריהער. (צייגט אויף דעם פראָפֿעסאָר) פֿאַר וואס בעגריסט דו זיך ניט מיט אַן אלטען גוטען פֿריינד?

עליזא. (צו ארנהאלם, גיט איהם די האַנד) ענדליך זיינט איהר געקומען. ווי געהט עס אייך? איהר וועט מיר ענטשולדיגען, וויס איך בין ניט געוועזן צו־הויזע.

א ר נ ה א ל ם. עס מאַכט ניט, עס מאַכט ניט, שטערט אייך ניט צוליעב מיר.

וו א נ ג ע ל. ווי אַזוי איז היינט דאס וואַסער, פריש?

ע ל י ז א. פריש, גאט מיינער! דאָ איז קיינמאָל קיין פרישעס וואַסער ניטאָ. עס איז אַזוי וואַרים, אז קוים וואס עס בעוועגט זיך. דאס וואסער אין די פיארדען מוז אודאי זיין פאר־פעסטעט.

א ר נ ה א ל ם. פארפעסטעט!

ע ל י ז א יא, אזעהר שלעכטעס וואַסער, מיר דוכט, דאס די מענשען, וואס באָדען זיך דאָ, ווערען קראַנק צוליעב דעם.

וו א נ ג ע ל. (שמייכעלט) דו רעקאָמענדירסט גוט אונזערע באָדעפּלעצער!

א ר נ ה א ל ם. איך דענק, מאַדאַם וואַנגעל, דאס איהר האט צו פיעל ליעב דעם ים, און דערפאַר קומען אייך אַזוי אויס די היגע וואַסערען.

ע ל י ז א. מעגליך, אז דאס איז אויך ריכטיג. איך הויב אָן אין דעם צו גלויבען. קוקט נור בעסער, ווי שעהן די קינדער האָבען דא אַלעס פערפּיצט. דאס איז אַלעס צוליעב אייך, פראָפּעסאָר.

וו א נ ג ע ל. (צומישט) הממ... (קוקט אופ׳ן זייגער) איך מוז זיך א ביסעל צואיילען.

א ר נ ה א ל ם. איז דאס אַלעס צוליעב מיר?

ע ל י ז א. געוויס, ניט אַלע טאָג איז ביי אונז יום־טוב. אופּ!! ווי שרעקליך היים דאָ איז! (לאָזט זיך געהן אין גאָרטען) קומט אהער, דאָ פיהלט זיך כאָטש אַ ביסעל לופט. (זי געהט אריין אין בעסיעדקע, זעצט זיך).

א ר נ ה א ל ם. (געהט איהר נאך) מיר דוכט אויך אזוי, פיין, א, ווי פריש דא איז.

ע ל י ז א. איהר זיינט שוין צוגעוואוינט צו די היצען, איבער־הויפט ביי אייך, אין אזאַ גרויסער שטאָדט. די היצען מוזען

דאָרטען אודאי זיין אונערטרעגליך.

וואנגעל, (וועלכער איז אויך מיטגעגאנגען מיט זיי) יעצט, עליזא. וועסטו פערברענגען אַ ביסעל מיט אונזער פריינד.

עליזא. דו האסט עפעס צו טהאָן?

וואנגעל. יא, איך דאַרף נאָך זיין אין עמפפאַנגס־צימער, איך וויל זיך אויך איבערקליידען, איך וועל באַלד קומען.

ארנהאלם. (זעצט זיך אין בעסיעדקע) איילט אייך ניט, ליעבער דאקטאר, מיר וועלען שוין מסתמא דא פערברענגען די צייט.

וואנגעל. (שאָקעלט מיט דעם קאָפּ צו איהם) געוויס, איך בין זיכער אין דעם. נא, אויפ׳ס־ווידערזעהען. (ער געהט אוועק אין גאָרטען. אב לינקס).

עליזא. (נאָך א קליינע פּאָזע) ניט אמת, דא איז זעהר גוט צו זיצען?

ארנהאלם. זעהר אנגענעהם.

עליזא. די בעסיעדקע רופען זיי אַלע „מיינע", דערפאַר, ווייל איך האב זי געהייסען אויפבויען, אדער בעסער געזאָגט, וואנגעל האט זי געלאזט אויפבויען פון מיינעט וועגען.

ארנהאלם. און דאָ פערברענגט איהר אייער צייט?

עליזא. יא, מעהרסטענס זיץ איך דאָ דעם גאַנצען טאג.

ארנהאלם. אודאי צוזאמען מיט די קינדער?

עליזא. דיזעס מאל האט איהר דוקא ניט געטראָפען, זיי זיצען כמעט אַלע אויף דעם באלקאָן.

ארנהאלם. און וואנגעל?

עליזא. אָה, וואַנגעל, ער זיצט דא מיט מיר, און אויך מיט זיי אויף דעם באַלקאָן.

ארנהאלם. איך דענק, דאס איהר זיינט עס די שולדיגע, ווארום עס געהט ביי אייך פאָר אַזוי?

עליזא. פאַרקעהרט, איך דענק, אַז אַלע זיינען צופריעדען, וואס עס קומט אַזוי פאָר. יעדענפאלס, ווייסען מיר דאָך

ואו זיך צו געפינען, ווען מיר דארפען זיך עטוואס דערצעהלען.

א ר נ ה א ל ם. (טראכטענדיג א רגע) עס איז שוין גאנץ לאנג, זייט מיר האבען זיך געזעהען דאס ע״שטע מאל, דארטען אין סקאלדוויק — שוין גאנץ לאנג.

ע ל י ז א. עס איז שוין צעהן יאהר פאראיבער זייט דאן.

א ר נ ה א ל ם. יא, איך גלויב, אז אזוי איז עס. אך, ווען איך שטעל מיר פאר, ווי איהר האט אויסגעזעהן אויף דעם לייכט־טהורם, אלם „מכשפה", ווי דער אלטער גלח פלעגט אייך רופען, דערפאר, ווייל אייער פאטער האט אייך געטויפט ניט מיט קיין מענשליכען, און אויך ניט מיט א קריסטליכען נאמען, נור נאך א שיף נאר. *)

ע ל י ז א. נו, איז וואס ?

א ר נ ה א ל ם. דאמאלם האט זיך מיר אפילו ניט געחלום׳ט איך זאל זיך מיט אייך דא צוזאמענטרעפען, און נאך אלם א פרוי וואנגעל דערצו.

ע ל י ז א. געווים ניט. ווי אזוי האט איהר דען געקענט פאראייסזעהן ? דאמאלם איז נאך וואנגעל ניט געווען... די קינדערם מוטער האט נאך דאן געלעבט.

א ר נ ה א ל ם. ריכטיג. אבער ווען ער זאל זאגאר געווען פריי זיין, וואלט איך אויך ניט געווען געגלויבט, אז דאס אלעם וועט אזוי פאסירען.

ע ל י ז א. איך אליין וואלט אויך דאן ניט געגלויבט, דאס אזוי וועט דאס פארקומען.

א ר נ ה א ל ם. וואנגעל איז דאך אזא וואוילער מענש, אזא היציגער, צו יעדען איז ער דא אזוי גוט, אזוי פריינדליך !

ע ל י ז א. (צוהיצט) אמת, דאס איז אלץ אמת.

א ר נ ה א ל ם. דאך, ווי מיר דוכט, איז צווישען איהם און אייך א זעהר גרויסער אונטערשיעד.

---

*) עליזא איז דער נאמען פון א שיף פון דעם העלד אין דער פאעמא „פריטיאף" פ׳ן בעוואוסטען שוועדישען פאעט יעזאאוס טעגנער. — איבערזעצער

ע ל י ז א. איך שטים מיט אייך איין אין דעם איין, איהר זיינט פאלקאם גערעכט וואנגעל איז א האר ניט עהנליך צו מיר.

א ר נ ה א ל ם. ווי־זשע האט דאס געקענט פאסירען? ווי אזוי איז דאס אלעס פארגעקומען?

ע ל י ז א. גוטער פריינד, ארנהאלם, פרעגט מיך בעסער ניט, וויל פון אלע מיינע ערקלעהרינגען וועט איהר זעהר ווייניג פערשטעהן. און א חוץ דעם, וועל איך אליין אויך זעהר ווייניג קענען ערקלעהרען.

א ר נ ה א ל ם. הממ... (שטיל) האט איהר וועגען עס איז גערעדט מי . אייער מאן ייעגען מיר? איך מיין, וועגען מיין אמאליגעם שרבנ'ען יד צו אייך?

ע ל י ז א איך האב איהם קיין ווארט ניט דערצעהלט וועגען דעם... וועגען דעם... וועגען דעם, וואס איהר פרעגט מיך...

א ר נ ה א ל ם. עס פרעהט מיך צו הערען, דאס ער וויים גאר ניט פון דעם...

ע ל י ז א. אה, איהר קענט זיין רוהיג, איך האב איהם בלויז געזאגט, דאס איהר זיינט איינער פון מיינע בעסטע פריינד.

א ר נ ה א ל ם. איך דאנק אייך זעהר פאר אייער מיינונג, אבער, איך וואלט אייך וועלען פרעגען, ווארום האט איהר די גאנצע צייט, זייט איך בין פון אייך אוועקגעפאהרען, מיר אפילו איינמאהל ניט געשריבען?

ע ל י ז א. איך האב גערעכענט, דאס אייך וועט זיין שווער צו לעזען די בריעף פון א פרוי, וועלכע... וועלכע האט זיך ניט אבגערופען אויף אייער ליעבע, ווי איהר האט געוואלט: דאס וואלט געווען פונקט, ווי שיטען זאלץ אויף די וואונדען.

א ר נ ה א ל ם. הממ... מעגליך, דאס איהר זיינט גע־רעכט.

ע ל י ז א. ווארום אבער האט איהר קיינמאהל ניט גע־שריבען?

א ר נ ה א ל ם. (קוקט אויף איהר, מיט א פארוואורף) איך! איך זאל אייך שרייבען! נאכדעם ווי איהר האט מיר ענטזאגט. איהר וואלט דאך געקענט דענקען, דאס איך הויב אן די גע־שיכטע פון דאס ניי. נאך מיין דורכפאל.

ע ל י ז א. גאנץ ריכטיג, איך פערשטעה דאס. האט איהר גאר די גאנצע צייט ניט געטראכט וועגען הייראטען מיט אן אנדערע פרוי?

א ר נ ה א ל ם. קיינמאהל ניט. איך בין געבליבען טריי מיינע אמאליגע געפיהלען און עראינערונגען.

ע ל י ז א. (אין א שפאסענדען טאן) אך, מאכט אייך ניט קינדריש, ווארפט אוועק די נארישע עראינערונגען, כדי וואס שנעלער צו ווערען א גליקליכער מאן!

א ר נ ה א ל ם. ווירקליך איך וואלט זיך געמעגט צו־איילען א ביסעל, פערגעסט ניט, דאס איך בין שוין יעצט זיעבען און דרייסיג יאהר אלט.

ע ל י ז ע. דאס אליין דארף אייך שוין מאכען א ביסעל זיך צואיילען. (נאך א קליינע פויזע, רעדט שטיל מיט אן ערנסט קול) הערר ארנהאלם, איך וועל אייך יעצט זאגען א זאך, וואס דא־מאלס וואלט איך פאר קיין פאל ניט געוועזן דערצעהלט, עס זאל זיך אפילו האנדלען אים מיין לעבען.

א ר נ ה א ל ם. וואס איז דאס אייגענטליך אזוינס?

ע ל י ז א. איהר געדענקט, ווען איהר האט פרובירט קריגען מיין האנד, דאמאלס האב איך קיין אנדער ברירה ניט געהאט, ווי אייך צו ענטזאגען.

א ר נ ה א ל ם. איך ווייס דאס. איהר האט מיר בלויז געקענט שענקען אייער פריידשאפט, יא, איך ווייס עס.

ע ל י ז א. איהר ווייסט אבער ניט, דאס אלע מיינע גע־דאנקען און געפיהלען האבען דאמאלס געהערט צו אן אנדערען.

א ר נ ה א ל ם. דאמאלס!

ע ל י ז א. יא, שוין דאן.

א ר נ ה א ל ם. אבער דאס איז דאך אונמעגליך! איהר האט אודאי א טעות אין דער צייט! איך רעכען, דאס איהר זיינט נאך גאר דאן ניט געווען בעקאנט מיט דר. וואנגעל.

ע ל י ז א. איך רעד דא ניט וועגען מיין מאן.

א ר נ ה א ל ם. ניט פֿון אייער מאן! מיר שיינט אבער, דאס אין סקאילדוייק איז ניט געווען קיין איינציגער מענש, וועמ׳ עס זאל קענען ציהען אייער אויפֿמערקזאמקייט אויף זיך.

ע ל י ז א. אה, יא, איהר זיינט גערעכט. דאס אלעס שיינט מיר יעצט צו זיין אזוי נאריש אזוי ווילד.

א ר נ ה א ל ם. דערצעהלט מיר אלעס, איך בעט אייך, דערצעהלט אלעס.

ע ל י ז א. צו וואס, גענוג פֿאר אייך, ווען איהר ווייסט, דאס איך בין שוין דאן געווען פֿערבונדען.

א ר נ ה א ל ם. און ווען איהר זאלט דאן געווען פֿריי זיין?

ע ל י ז א. נו, טא איז וואס?

א ר נ ה א ל ם. וואלט איהר דאן געווען אנדערש גע־ענטפֿערט אויף מיין בריעף?

ע ל י ז א. וואס ווייס איך! איהר זעהט דאך, אז וואנגעל איז נאכהער אנגעקומען, און אלעס האט זיך אויסגעלאזט גאנץ אנדערש.

א ר נ ה א ל ם. צו וואס־זשע האט אייך געלוינט מיר אלעס אנפֿערטרויען, און מיר דערצעהלען, דאס איהר זיינט שוין דאן געווען פֿערבונדען.

ע ל י ז א. (הויבט זיך אויף פֿון פלאץ דערשראקען) דערפֿאר, ווייל איך מוז זיך דאך אויסרעדען פֿאר אימיצען. נייו, נייו, זיצט, איך בעט אייך.

א ר נ ה א ל ם. אייער מאן ווייסט עפעס וועגען דעם?

ע ל י ז א. יוען איך האב מיך מיט איהם בעקענט, האב

איך איהם געזאגט, דאס מיינע געדאנקען זיינען א געוויסע צייט געווען פערנומען מיט א צווייטען. זייט דאן איז אונז נאך ניט אויסגעקומען צו רעדען וועגען דעם. דעם אמת געזאגט, איז דאס בלויז געווען א משוגעת, און א חוץ אלעמען, איז דאך דאס אלעס אזוי שנעל געווען אויס... דאס הייסט — ביז א געוויסען גראד...

א ר נ ה א ל ם. (הויבט זיך אויף פון פלאץ) נור ביז א גע־וויסען גראד, ניט אין גאנצען?

ע ל י ז א. געווים אין גאנצען. אך, מיין גאט! דאס איז ניט ווי איהר דענקט, טהייערער פראפעסאר. דאס איז עפעס אונבעגרייפליכעס. איך וויים דאס אייך ניט ווי צו ערקלעהרען... איהר וועט מיך פשוט האלטען פאר א משוגענע.

א ר נ ה א ל ם. יעצט, מיין טהייערע, וועט איהר מיר שוין מוזען אלעס דערצעהלען.

ע ל י ז א. גוט, איך וועל פרובירען ווי אם בעסטען. און איהר אלם קלוגער מענש, וועט דאס אלעס זיך אליין ערקלעה־רען. (זי קוקט ארויס פון בעסיעדקע און ברעכט אונטער דעם געשפרעך)... טסס... ווארט א רגע, עס קומט אימיצער אהער. (לינגסטראן קומט פון דעם וועג, לינקס, אין לאץ פון זיין ראק שטעקט א בלום. אין האנד האלט ער א בוקעט בלומען, אונטערגעבונדען מיט פאפיר און סטענגעס, ער בלייבט שטעהן נעבעז באלקאן, ווי ניט וויסענדיג וואס ער זאל טהאן).

ע ל י ז א. (געהט ארויס פון דער בעסיעדקע) איהר ווילט גע־ווים זעהן די קינדער, לינגסטראן?

ל י נ ג ס ט ר א ן. (קוקט זיך ארום) אה, איהר זיינט גאר דא, מאדאם? (פערבויגט זיך און געהט נעהנטער) ניין, איך זוך אייך אליין. מאדאם וואנגעל. איהר האט דאך מיר ערלויבט אייך צו בעזוכען.

ע ל י ז א. געווים, געווים, איך בין אימער צופרידען אייך צו זעהן.

ל י נ ג ס ט ר א ן. איך דאנק אייך זעהר. אזוי ווי היינט

האב איך א גוטע געלעגענהייט, האב איך זיך בענוצט מיט דעם. היינט איז דאך ביי אייך א פאמיליען יום־טוב.

עליזא. איהר ווייסט שוין אויך דערפון?

ליננגסטראן. וואס דען! דערפאר וועט איהר מיר זיכער ערלויבען אייך דערלאנגען דעם — (ער פערבויגט זיך און גיט איהר דעם בוקעט בלומען).

עליזא. (שמייכעלט) אבער, טהייערער הערר ליננגסטראן, איך רעכען, דאס עס וואלט גלייכער געווען, איהר זאלט די בלומען געבען צו הערר'ן פראפעסאר ארנהאלם, ווייל אלעס איז בלויז צוליעב איהם...

ליננגסטראן. (קוקט אויף זיי ביידען פערוואונדערט) ענטשולדיגט, איך האב ניט די עהרע צו קענען דעם הערר, דאס איז דאך... איך בין געקומען, ווייל היינט איז דאך אייער געבורטסטאג, מאדאם.

עליזא. געבורטסטאג? איהר מאכט א טעות. היינט איז ביי אונז קיינעמס געבורטסטאג ניט.

ליננגסטראן. (מיט א געמאכטען שמייכעל) אה, איך ווייס שוין, וואס דא קומט פאר. איך האב אבער ניט גערעכענט, אז עס זאל אזוי בסוד צוגעהן.

עליזא. וואס ווייסט איהר אועלכעס?

ליננגסטראן. דאס היינט איז אייער געבורטסטאג.

עליזא. מיין?

ארנהאלם. (קוקט זי אן ערשטוינט) היינט? געוויס ניט, געוויס ניט.

עליזא. ווי פאלט דאס גאר אייך איין?

ליננגסטראן. דאס האט מיר פרייליין הילדא אויסגעזאגט דעם סוד. איך בין שוין היינט דא געוועזן, גלאט אזוי אויף א מינוט. איך האב געפרעגט דאן די פרייליינס צוליעב וואס עס איז דא היינט אויך פערפוצט מיט בלומען און א פלאג אויך

ע ל י ז א. נו, איז וואס?

ל י נ ג ס ט ר א ן. דאן האט מיר פריילין הילדא ער־קלעהרט, דאס עס איז צוליעב דער מאמא'ס געבורטסטאג.

ע ל י ז א. מאמא'ס, אה, אזוי!

א ר נ ה א ל ם. (ווינקט זיך איבער מיט עליזאן) א, א! אויב דער יינגערמאן וויים שוין פֿון אלעס, מאדאם וואנגעל...

ע ל י ז א. (צו לינגסטראן) אויב איהר ווייסט שוין יא פֿון אלעס...

ל י נ ג ס ט ר א ן. (דערלאנגענדיג נאך א מאהל דעם ביקעט) ערלויבט איהר מיר אלזא אייך מיין בעסטען וואונש אויסצודריקען.

ע ל י ז א. (נעהמט דעם ביקעט) איך דאנק אייך זעהר, הערר לינגסטראן קומט, זעצט אייך דא. (זיי זעצען זיך אלע דריי אין בע־סיעדקע)

ע ל י ז א. מיין געבורטסטאג האט אלזא געדארפֿט בלייבען א געהיימניס, הערר פראפֿעסאר...

א ר נ ה א ל ם. געווים, מיר, ניט אנפֿערטרויטע, האבען קיין חלק אין דעם יום־טוב.

ע ל י ז א. (לעגט אנידער דעם בוקעט אויפֿ'ן טיש) גאנץ ריכטיג, ניט איינפֿערטרויטע,

ל י נ ג ס ט ר א ן. איך קען אייך פֿערזיכערען, מאדאם, דאס קיין מענש וועט וועגען דעם פֿון מיר זיך ניט דערוויסען.

ע ל י ז א. איך מיין גאר ניט אזוי פֿיעל. זאגט מיר בע־סער, ווי געהט עס אייך אין געזונד? איך גלויב, דאס איהר קוקט יעצט פֿיעל בעסער אוים, ווי פֿריהער.

ל י נ ג ס ט ר א ן. איך דענק אויך, דאס איך האב מיך אביסעל פֿערבעסערט אין געזונד. נעקסטעס יאהר, אויב מיר זאל נאר געלינגען, רעכען איך אוועקפֿאהרען אין די דרום־לענדער.

ע ל י ז א. די קינדער האבען מיר שוין אויך דערצעהלט, דאס איהר קלייבט אייך פֿאהרען אהין.

ל י נ ג ס ט ר א ן. יא, איך האב א גוטען פֿריינד אין

בערנען, וועלכער זארגט פאר מיר, ער האט מיר פערשפראכען ארויסהעלפען קומענדעס יאהר.

ע ל י ז א. פון וואנען קענט איהר איהם אזוי גוט, דאס ער איז אייך אזא הייסער פריינד?

ל י נ ג ע ר ס ט א ן. איך האב מיך בעקענט מיט איהם צופעליג, איך בין געפאהרען אמאל אויף זיינער א שיף.

ע ל י ז א. אזוי! איהר ליעבט אויך דעם ים?

ל י נ ג ס ט ר א ן. ניט אזוי שטארק. מיין רייזע איז געווען צוליעב אן אורזאכע. מיין מוטער איז דאמאלס געשטארבען, און מיין פאטער, ניט וועלענדיג איך זאל א־זומגעהן ליידיג, האט ער מיך אוועקגעשיקט אויפ'ן ים. צוריקוועגס האבען מיר געליטען פון א שיפברוך אין דעם ענגלישען קאנאל. זייט דאן בין איך דאס קראנק אויף די לונגען, איך בין צולאנג געלעגען אין וואסער, דאך דענק איך, אז דאס איז געווען א גרויס גליק פאר מיר.

א ר נ ה א ל ם. איהר דענקט ווירקליך אזוי?

ל י נ ג ס ט ר א ן. יא. די קראנקהייט איז דאך ניט קיין געפעהרליכע. און יעצט וועל איך זיך קענען אבגעבען און ווערען א סקולפטאר. בערעכענט נור, ווי גוט עס איז צו האבען צו טהון מיט ליים, וואס קנעט זיך אזוי לייכט אונטער אייערע פינגער!...

ע ל י ז א. וואס דענקט איהר צו מאכען פון די ליים, די ים־פרויען? אדער גאר די אלטע, פארצייטיגע ים־רויבער?

ל י נ ג ס ט ר א ן. ניט די און ניט יענע. אזוי שנעל, ווי איך וועל נאר האבען די מעגליכקייט אנצופאנגען מיין ארבייט, האב איך זעהר א גרויסעס ווערק צו בעשאפען. אזא, וואס מען רופט אן א גרופע.

ע ל י ז א. גאנץ גוט. אבער וואס ועט די גרופע מיט זיך פארשטעלען?

ל י נ ג ס ט ר א ן. אה, דאס איז אזעלכעס וואס איך

פערזעהנליך האב דאס איבערגעלעבט.

ארנהאלם. איך וואלט אייך ראטהען אימער זיך האלטען אן דעם וועג.

עליזא. וואס־זשע פארט וועט דאס זיין אזוינס?

לינגסטראן. איך רעכען דאס אזוי פארצושטעלען: א פרוי ליגט אין שלאפט, און איהר חלום'ען זיך זעהר שרעקליכע חלומות. איך האף דאס מאכען אזוי, אז עס זאל זיין לייכט צו דערקענען, דאס איהר חלום'ט זיך. דאס וועל איך אויסארבייטען אויף'ן געזיכט.

ארנהאלם. און מעהר גאר ניט?

לינגסטראן. געוויס וועט זיין נאך. עס וועט זיין נאך א פיגור, איהר מאן א מאטראז, וועמען זי איז געווען פאלש בשעת ער איז געוועזען אויף דער רייזע, און וועלכער ער איז אויך דערטרונקען געווארען.

ארנהאלם. ווי זאגט איהר?

עליזא. ער איז דערטרונקען געווארען!

לינגסטראן. יא, ער איז דערטרונקען געווארען אין א ים רייזע, נור דאס וואונדערבארסטע איז דאס, וואס ער איז געקומען צוריק אהיים... עס איז נאכט... און אט שטעהט ער נעבען איהר בעט און קוקט אויף איהר... א נאסער... דורכגענעצט ביז די ביינער... ווי א מענש. וואס מען נעהמט ארויס נאך א לאנגען, לאנגען ליגען אין וואסער...

עליזא. (שפארט זיך אן אן וועגטעל פון שטוהל) דאס איז וואונדערבאר. (פערכאכט די אייגען) אה, איך זעה עס אלעס פונקט ווי דאס זאל פארקומען אין דער ווירקליכקייט.

ארנהאלם. ווי אזוי קען דאס אבער זיין, הערר... איהר האט דאך געזאגט, אז עס א זאך, וואס איהר אליין האט דאס איבערגעלעבט?

לינגסטראן. געוויס, אייניגערמאסען האב איך דאס טאקי דירכגעלעבט, ווי אזוי קען איך עס ערקלעהרען...

א ר נ ה א ל ם. ווי, איהר האט איבערגעלעבט דאס, וואס דער שוועסטער?

ל י נ ג ס ט ר א ן. געוויס, וואס דען! איך זאג איבערגעלעבט. ניט איך האב דאס פערזענליך איבערגעלעבט, איך האב דאס בלויז דורכגעמאכט דורך א צופאל...

ע ל י ז א. (שטארק פעראינטערעסירט) דערצעהלט, איך בעט אייך, פון אלעס. איך בין אזוי נייגעריג צו וויסען אלעס וועגען דעם.

א ר נ ה א ל ם. (שמייכעלט) דאס וועט אוני ליבער געפעלען, א ים געשיכטע.

ע ל י ז א. וואו איז דאס פארגעקומען, הערר לינגסטראן?

ל י נ ג ס ט ר א ן. איך דערצעהל דאך אייך. ווען אונזער בריג *) האט זיך אומגעקעהרט אהיים פון האליפאקס, האבען מיר געמוזט איבערלאזען אונזער עלטסטען מאטראז אין האספיטאל. און אייף זיין פלאץ איז אנגעקומען אן אמעריקאנער אלס דער נייער מאטראז...

ע ל י ז א. אן אמעריקאנער?

ל י נ ג ס ט ר א ן. יא, איינמאל האט ער געבעטען דעם קאפיטאן ער זאל איהם געבען עפעס צו לעזען, אום ער זאל זיך קענען אויסלערנען די היגע שפראך, האט ער איהם געגעבען א גאנצען בארג מיט היגע צייטונגען.

ע ל י ז א. אזוי?

ל י נ ג ס ט ר א ן. דאן האט דאס פאסירט. דאס איז פונקט געווען אין מיטען נאכט. עס איז דאן געוועזען א שרעקליכער שטורם. אלע מאטראזען זיינען געווען אויפ'ן דעק, נאר איך און ער ניט. ער האט זיך אויסגעלונקען א פוס און האט ניט געקענט ארומגעהן. איך האב זיך אויך געפיהלט קראנק. איך בין מיר אזוי געלעגען אויף מיין בעט און ער איז געזעסען און גע־

*) א קליינע שיף, וועמעס אונטערשטע מאטשע איז פיעל גרעסער פון דער פאדערשטע.

לייענט א צייטונג.

ע ל י ז א. נו, ווייטער, ווייטער!

ל י נ ג ס ט ר א נ. אזוי, ווי ער איז געזעסען, פליצלינג האב איך דערהערט א געשריי פון איהם, דאס איך בין א פער־ציטערטער געבליבען. איך האב א קוק געטהון אויף איהם. ער איז געוועזען בלאס ווי א טויטער. נאכהער האט ער אנגעפאנגען רייסען, צופען, פליקען די צייטונג אין שטיקלעך און האט מעהר קיין ווארט דערווייל ניט גערעדט.

ע ל י ז א. האט ער נאך עפעס געזאגט, אדער האט ער שוין מעהר ניט גערעדט?

ל י נ ג ס ט ר א נ. שפעטער אביסעל האט ער ווידער אנגעפאנגען צו רעדען. ניט מיט א מאל, אזוי עטליכע ווערטער, ווי צו זיך אליין: „געהייראטה מיט אן אנדערן, ווען איך בין ניט געוועזען"...

ע ל י ז א. (פערמאכט די אויגען, רעדט שטיל) אזוי האט ער געזאגט?

ל י נ ג ס ט ר א נ. יא, און שטעלט זיך נאר פאר, אז דאס אלעס האט ער ארויסגעזאגט אין א ריינער נארוועגישער שפראכע. דיזער קערל, זאג איך אייך, האט געמוזט האבען גוטע פעהיג־קייטען צו ערלערנען פרעמדע שפראכען.

ע ל י ז א. און וואס איז נאכדעם פארגעקומען?

ל י נ ג ס ט ר א נ. נאכהער האט פאסירט עטוואס מערק־ווירדיגעס, אזוינס, וואס איך וועל, מיר שיינט, קיינמאל ניט פערגעסען. נעמליך, ער האט גאנץ רוהיג און שטיל ארויסגעזאגט די ווערטער: „זי איז מיינע, און מיינע וועט זי בלייבען, זי וועט מיר מוזען נאכפאלגען, ווען איך וועל זיך אומקעהרען צו איהר ווי א דערטרונקענער פון די טיעפקייטען פון ים."

ע ל י ז א. (גיעסט זיך אן א גלאז וואסער, איהרע הענד ציטערען) אך, ווי היים היינט איז!

ל י נ ג ס ט ר א נ. און געזאגט האט ער דאס מיט אזא

זיכערען טאן, דאס עס האט גאר קיין צווייפעל ניט געקאנט זיין, דאס ער וועט עס דורכפיה־ען.

ע ל י ז א. ווייסט איהר ניט, וואס פון איהם איז געווארען?

ל י נ ג ס ט ר א ן. אה, מאדאם, ער מוז שוין יעצט אוודאי זיין טויט.

ע ל י ז א. (שנעל) פאר וואס דענקט איהר אזוי?

ל י נ ג ס ט ר א ן. ווייל אין גיבען האבען מיר דאך גע־ליטען פון שיף־ברוך. איך, דער קאפיטאן און נאך פינף מאט־ראזען האבען זיך גערעטעט. דער אמעריקאנער און נאך צוויי זיינען אריין אין א קליין רעטונגס־שיפעל.

ע ל י ז א. און פון זיי האט איהר זייט דאן גאר ניט גע־הערט?

ל י נ ג ס ט ר א ן. ביז יעצט נאך ניט, מאדאם. מיין גו־טער פריינד האט מיר ערשט ניט לאנג צוריק געשריבען און א בריעף. דאס האט מיר טאקי געגעבען חשק דאס צו פערקערפערן אין א קונסט־בילד. איך זעה זיי, ווי זאלען זיין לעבעדיגע, די פאלשע פרוי, און אויך דעם דערטרונקענעם מאן, וועלכער איז געקומען נעהמען נקמה פון איהר. אה, איך זעה זיי ווי לעבעדיגע...

ע ל י ז א. איך אויך. (הוובט זיך אויף פון שטוהל) קומט אריין אין הויז, אדער קומט בעסער צום דאקטאר אין עמפפאנגס־צי־מער. דא איז שרעקליך היים (זי געהט ארויס פון בעסיעדקע).

ל י נ ג ס ט ר א ן. (הויבט זיך אויך אויף און געהט צו צו עליזא'ן) איהר וועט מיר ענטשולדיגען, מאדאם. איך בין געקומען בלויז אויף א פאר מינוט, אום אייך נור אויסצודריקען מיין בעסטען וואונש.

ע ל י ז א. נא, ווי איהר ווילט. (שטרעקט אויס די האנד צו איהם) גוטען טאג. איך דאנק אייך זעהר פאר די בלומען. (לינגסטראן פערנייגט זיך און געהט אב דורך'ן טהירעל פון גארטען, לינקס).

א ר נ ה א ל ם. (הויבט זיך אויף און געהט צו צו עליזאן) ווי עס וויזט אויס, מאדאם וואנגעל, נעהמט איהר זיך דאס שטארק צום

הארצען.

ע ל י ז א. אה, יא, איהר מעגט דאס זאגען. חאטש — —

א ר נ ה א ל ם. אין דעם אמת געזאגט, ווייס איך ניט אויב דא קומט פאר אזעלכעס, צו וואס איהר זאלט ניט קענען זיין פארבערייטעט.

ע ל י ז א. (קוקט איהם אן פערוואונדערט) פארבערייטעט

א ר נ ה א ל ם. יא, מיר שיינט עס אזוי.

ע ל י ז א. פארבערייטעט פאר דעם... אין אזא וועג ?...

א ר נ ה א ל ם. אום גאטעס ווילען! איז דאס מעגליך, דאס דער משוגענער סקולפטאר מיט זיין געשיכטע פון מאטראז— —

ע ל י ז א. גוטער ארנהאלם, מעגליך, אז ער איז גאר ניט אזוי משוגע. ווי איהר דענקט.

א ר נ ה א ל ם. דאס האט אייך די געשיכטע אזוי אויפגע־רעגט ? אבי איך האב געדענקט — —

ע ל י ז א. וואס האט איהר געדענקט ?

ארנהאלם. און איך האב געדענקט, דאס איהר מאכט זיך בלויז אזוי אום צו פערבארגען אייער אונצופריעדענהייט, וואס זיי מאכען דעם יום טוב אהן אייער וויסען. און אייער מאן און זיינע קינדער לעבען מיט די עראינערונגען פון דער, אין וועלכער איהר האט קיין שום אינטערעס...

ע ל י ז א. אה, ניין, ניין, זאל עס געהן, ווי עס געהט ! איך האב דאך קיין רעכט צו פאדערן, דאס ער מוז אין גאנ־צען, און מיט אלעס בעלאנגען צו מיר.

א ר נ ה א ל ם. פערקעהרט, מיר דוכט, דאס איהר האט א פאלקאמען רעכט דאס אלעס פון איהם צו פאדערן.

ע ל י ז א. און איך גלויב, דאס איך האב ניט אזא רעכט. דאס איז דאך די געשיכטע. איך אליין האב דאך אויך געוויסע עראינערונגען, וואס איך פערטרוי קיינעם ניט.

א ר נ ה א ל ם. איהר ! (שטיל) ווי זאל איך דאס פער־שטעהן, דאס איהר... דאס איהר ליעבט ניט אייער מאן ?...

ע ל י ז א. ניין, ניין! איך ליעב איהם מיט מיין גאנצער זעעלע! דערפאר טאקי קען איך זיך דאס ניט ערקלעהרען. עס איז פשוט ניט צום פערשטעהן!

א ר נ ה א ל ם. פערטרויט זיך אין מיר. דערצעהלט מיר אלע אייערע ליידען, פאר וואס זאלט איהר דאס ניט וועלען, מאדאם וואנגעל?

ע ל י ז א. איך קען ניט, מיין גוטער פריינד! יעדענפאלס ניט יעצט. מעגליך אפשר שפעטער... (באלעטא קומט ארויס אויף דעם באלקאן און לאזט זיך געהן אין גארטען.)

ב א ל ע ט א. דער פאפא געהט שוין, פיעלייכט וועלען מיר זיך אלע איבערזעצען אין זאל אריין?

ע ל י ז א. פאר וואס ניט, קומט! (דר. וואנגעל, איבערגע־קליידעט, געהט ארויס צוזאמען מיט הילדא'ן פון דער לינקער זייט, הינטער דעם הויז).

ו א נ ג ע ל. נו, יעצט בין איך פערטיג! עס וואלט ניט געשאדט יעצט צו טרינקען עטוואס ערפרישענדעס.

ע ל י ז א. ווארט א רגע. (זי געהט דורך אין בעסיעדקע און טראגט ארויס דעם בוקעט.)

ה י ל ד א. אך, זעהט נור, זעהט נור, וואס פאר א שעהנע בלומען! וואו האסטו זיי גענומען?

ע ל י ז א. טהייערע הילדא, דאס האט מיר דער סקולפטאר, ה' לינגסטראן זיי געבראכט.

ה י ל ד א. (פערוואונדערט) לינגסטראן?

ב א ל ע ט א. (אונרוהיג) הער לינגסטראן איז דען דא נאך א מאל געווען?

ע ל י ז א. (שמייכעלט) יא, ער איז דא נור וואס געוועזן און האט אייך מיטגעבראכט דעם בוקעט, צוליעב דעם געבורטס־טאג... דו פערשטעהסט?...

ב א ל ע ט א. (קוקט בייז אויף הילדא'ן) א!

ה י ל ד א. (שטיל) אזא נאר!

וואנגעל. (צו עליזא׳ן) המם... יא, זעהסט... איך וויל דיר זאגען... מיין טהייערע, גוטע, מיין זעלטענע עליזא...

עליזא. (שלאגט איהם איבער) קומט אהער, קינדער! מיר וועלען אריינשטעלען מיינע בלומען צוזאמען מיט אייערע. (זי געהט ארויף אויף דעם באלקאן).

באלעטא. (שטיל צו הילדא׳ן) אין אמת׳ן איז זי דאך אזא גוטע.

הילדא. (ברוגז) פוסטע זאכען! זי מאכט זיך בלויז אזוי, אום דעם פאפא בעסער צו געפעהלען.

וואנגעל. (געהט צו איהר און דריקט איהר די האנד) איך דאנק דיר, איך דאנק דיר פיר דיין האנדלונג, איך דאנק דיר הערצליך, עליזא!...

עליזא. (בריינגט אין ארדנונג די בלומען) גענוג, גענוג! פאר וואס זאל איך אויך ניט נעהמען אן אנטהייל אין דער מאמעס געבורטסטאג?

ארנהאלם. המם... (ער געהט ארויף אויף דעם באלקאן צו וואנגעל און עליזא׳ן. באלעטא און הילדא בלייבען שטעהן אין גארטען).

(פארהאנג)

צווייטער אקט.

(די סצענע שטעלט פֿאָר אַ בולוואר, בעוואַקסען אַרום מיט קליינע בוימלאך, דערביי בערג. רעכטס אַ טהורם מיט אַ ווינד־צייגער פֿון אויבען. אַרום דעם טהורם זיינען איינגעמויערט שטיינער צו זיצען. אין דער טיפֿקייט פֿון דער סצענע זעהט זיך דער פיארד, נעבען דעם די אינזלען און די פעלזען פֿון ים, דעם ים אַליין זעהט מען ניט. אַ זומער־אבענד. די זון געהט אונטער און בעפֿארבט די שפיצען פֿון די בערג און דעם טהורם מיט אַ גאָלדען־רויטען קאָליר. פֿון אונטער פֿון דער רעכטער זייט, הערט זיך אַ שטילער געזאַנג. יונגע מענער פֿון שטאָדט, דאַמען און הערען פּאָרוויז, געהען און רעדען גאַנץ שטיל צווישען זיך. זיי געהען פֿארביי דעם טהורם, און פֿערשווינדען לינקס, שפּעטער אַ ביסעל, קומט אָן באלעסטעד, וואס דיענט יעצט אַלס וועג־וויזער פֿאר רייזענדע אויסלענדער און זייערע דאַמען. ער געהט בעלאָדען מיט אַ גאַנצען פּאַק פֿון פֿערשיעדענע רייזע־זאַכען).

באלעסטעד. (צייגט אָן מיט אַ שטעקעל ארויף) זעהט איהר מיינע הערען, דאָרט דעם בערגעל? אויף איהם וועלען מיר נאָך ארויפֿגעהן. (ער רעדט אין ענגליש און פֿיהרט די גאַנצע קאָמפּאַניע לינקס. הילדא לויפֿט שנעל ארויף פֿון דעם באַרג רעכטס, זי שטעלט זיך אָפּ, און קוקט זיך אַרום צוריק, אַ מינוט שפּעטער בעווייזט זיך אויך באלעטא פֿון דערזעלבער ריכטונג).

באלעטא. צו וואס זאָלען מיר אנטלויפֿען פֿון הער לינגסטראן?

הילדא. איך קען ניט זעהן, ווי ער קריכט דאָס דאָרטען אויף די בערג. קוק, זעה נור, ווי ער קאראבקעט זיך דאָרטען!

באלעטא. דו ווייסט דאָך, אז ער איז אַ קראנקער מענש.

הילדא. ווי דענקסטו, איז זיין קראנקהייט געפֿעהרליך?

באלעטא. איך גלויב, דאס ער איז שטאַרק קראַנק.

הילדא. היינט נאָכמיטאג איז ער געווען ביים פאפא, ער זאל איהם אונטער־זוכען. איך וואלט זעהר געוואלט וויסען, וואס פאַר אַ מיינונג דער פאַפאַ האט וועגען זיין קראנקהייט.

באלעטא. דער פאפא האט מיר געזאגט, דאס די לונגען זיינען זעהר שטאַרק אָנגעגריפען ביי איהם. ער גלויבט ניט, דאס ער זאל נאָך קענען לאַנג לעבען.

הילדא. האט ער ווירקליך אזוי געזאגט? שטעל זיך פאָר, דאס איז פונקט דאס זעלבע, וואס איך האב געטראַכט.

באלעטא. גאט זאָל דיך אויסהיטען, זאלסט איהם לאָזען מערקען, דאס דו ווייסט עפעס וועגען דעם.

הילדא. אָט וואס דיר קען איינפאַלען (שטיל) זעהסט, אָט איז הערר האַנז. עס איז איהם פאָרט געלונגגען ארויפצוקריכען. האַנז, ניט אמת, פון זיין אויסזעהן קען מען גלייך פערשטעהן, דאס ער הייסט האַנז?

באלעטא. (רוימט איהר איין) פאָלג מיך, פיהר זיך אויף אַ ביסעל רוהיגער. (לינגסטראן קומט אָן פון דער זעלבער ריכטונג, מיט אַ שירם אין האַנד).

לינגסטראן. איהר וועט מיר ענטשולדיגען, פריילײנס, וואס איך האב ניט געקאָנט אָנהאַלטען מיט איהם צוגלייך.

הילדא. איהר האט שוין אַ שירם, וואו האט איהר איהם געקראָגען?

לינגסטראן. דאס האט מיר אייער מוטער געגעבען, איך זאל האבען אָן וואס זיך אָנצושפאַרען, מיין שטעקען האב איך צופעליג פערגעסען אין דער־היים.

באלעטא. און די גאַנצע קאָמפאַניע איז נאָך אונטען?

לינגסטראן. יא. אייער פאָטער איז אריין אין א רעסטאָראן עטוואס צובייסען, און די איבעריגע הערען הערען דאָרט די מוזיק. אייער מוטער האט מיר געזאגט, דאס זיי וועלען דאָ באַלד אַלע ארויפקומען.

הילדא. (קוקט זיך איין אין איהם) איהר מוזט אודאי זיין פֿערמאַטערט.

לינגסטראן. יא מיר דוכט, דאס איך בין טאַקי א ביסעל מיעד, עס וועט ניט שאַדען זיך צוזעצען אויף א רגע. (ער זעצט זיך אויף אַ שטיין אין דער רעכטער זייט).

הילדא. (שטעלט זיך פֿאר איהם) איהר ווייסט, אונטען וועט מען שפּעטער טאַנצען.

לינגסטראן. יא, איך האב שוין געהערט, מען האט גערעדט וועגען דעם.

הילדא. ניט אמת, עס איז זעהר פֿרעהליך, ווען מען טאַנצט ? (באלעטא געהט ארום און קלויבט קליינע בליהמעלעך, וואס וואַקסען דאָרטען).

באלעטא. אך, הילדא, לאז דאָך הערר'ן לינגסטראן אַ ביסעל זיך אָפּרוהען.

לינגסטראן. (צו הילדא) יא פֿריילין, איך וואָלט גערן געטאַנצט, איך זאָל נור קענען.

הילדא. אזוי, איהר האט זיך קיינמאָל ניט געלערענט טאַנצען ?

לינגסטראן. ניין, קיינמאָל ניט. איך קען אייך ניט טאַנצען צוליעב מיין קראנקהייט.

הילדא. אך, אויך אייער קראנקהייט שטערט אייך צו טאַנצען ?

לינגסטראן. יא, אזוי איז עס.

הילדא. פֿיהלט איהר זיך דערשלאגען צוליעב אייער קראנקהייט.

לינגסטראן. אה, ניין, איך קען דאס ניט זאגען. (שמייכעלט) מיר דוכט, אז נור אַ דאַנק מיין קראנקהייט זיינען אלע אזוי גוט צו מיר.

הילדא. אין א הויז אלעמען, איז דאס דאָך ניט געפֿעהרליך?

לינגסטראן. ניין, קיין געפֿאהר. אייער פֿאַטער זאגט

אויך אזוי.

הילדא. ווען איהר וועט נור אנהויבען ארומרייזען, וועט איהר אין גאנצען געזונד ווערען.

לינגסטראָן. איך דענק אויך אזוי.

באלעטא. (קומט מיט בלומען) זעהט נור, הערר לינגסטראן, דיזע בלומען מוזט איהר אריינשטעקען אין אייער לאץ.

לינגסטראן. איך דאנק אייך טויזענד מאל פריילין! איהר זיינט ווירקליך א גוטע!

הילדא. (קוקט ארונטער רעכטס) אָט געהן זיי שוין!

באלעטא. (קוקט אויך ארונטער) ווייסען זיי כאטש וואוהין ארויפצוגעהן? ניין, זיי געהען דאך גאר ניט אויף דעם ריכטיגען וועג.

לינגסטראן. (הויבט זיך אויף) איך וועל ארונטערלויפען או זיי נאכשרייען.

הילדא. איהר וועט אבער דארפען זעהר שטארק שרייען.

באלעטא. מען דארף ניט, איהר וועט זיך נאך איינמאטערען.

לינגסטראן. ארונטער איז זעהר לייכט. (געהט אב רעכטס).

הילדא. יא, געוויס, ארונטער איז לייכט. (קוקט איהם נאך ארונטער) זעה נאר ער שפרינגט אוש. ער פערגעסט גאר, אז ער וועט מוזען ארויפגעהן אויך.

באלעטא. א רחמנות, א קראנקער מענש.

הילדא. זאג נור, ווען לינגסטראן זאל זיך צו דיר שרכענען, וואלסטו מיט איהם געהייראט?

באלעטא. דו ביזט אפנים משוגע געווארען!

הילדא. איך מיין ווען ער זאל ניט זיין אזא קראנקער, ווען ער זאל ניט מיזען שטארבען אזוי גיך, וואלסטו איהם גענומען?

באלעטא. איך דענק, אז דו וואלסט זיך בעסער גע-

פאסט פֿאר איהם.

ה י ל ד א. איך! ניין. איך זאל איהם אפילו וועלען, איז ער דאך אן ארימער, ער האט דאך אליין ניט פֿון וואנען צו לעבען.

ב א ל ע ט א. צוליעב וואס שלעפּסטו זיך ארום מיט איהם אימער?

ה י ל ד א. דאס איז פּשוט, ווייל איך האב מיטלייד מיט איהם, ער איז דאך נעבעך אזא קראנקער.

ב א ל ע ט א. איך זעה ניט איין, דו זאלסט אויף איהם אזוי רחמנות האבען.

ה י ל ד א. ניין, ניט אזוי אוים רחמנות, ווי פּשוט אויס צייטפֿערטרייב.

ב א ל ע ט א. וואס?

ה י ל ד א. איך האב ליעב קוקען אויף איהם, ווען ער דערצעהלט, דאס זיין קראנקהייט איז ניט געפֿעהרליך, און דאס ער וועט אוועקפֿאהרען אין אויסלאנד און ווערען דארט א קינסט־לער. ער גלויבט דאך אזוי נאאיוו אין דעם, און פֿרעהט זיך פּונקט ווי א קינד. ער וויים אבער ניט, דאס פֿון דעם אלעמען וועט גאר ניט זיין, ווייל ער האט שוין ניט לאנג צו לעבען נאך מיין מיינונג איז דאס זעהר, יא זעהר אינטערעסאנט.

ב א ל ע ט א. אינטערעסאנט?

ה י ל ד א. יא, איך מוז זיך מודה זיין. איך גלויב, אז דאס איז זעהר אינטערעסאנט.

ב א ל ע ט א. פֿע, הילדא, דו ביזט א שלעכטע מיידעל.

ה י ל ד א. וויל איך זיין אזוי, אויף צו להכעיס! (קוקט ארונטער) ווי מיר שיינט, איז העררר ארנהאלם ניט אזא בעלן אויף קריכען אויף די בערג (דרעהט זיך אום) טרעף, וואס איך האב בעמערקט אויף העררר ארנהאלם?

ב א ל ע ט א. וואס?

ה י ל ד א. שטעל דיר פֿאר, עס קריכען איהם דאך שוין

אוים די האר פון קאפ!

באלעטא. נארישקייט! דאס קען ניט זיין.

הילדא. עהרען־ווארט, און א חוץ דעם, האט ער דאך ארום די אויגען אזוינע טיפע קנייטשען. איך ווייס ווירקליך ניט, ווי אזוי דו האסט זיך אין איהם געקענט פערליבען דאן, ווען ער איז געוועזן דיין לעהרער!

באלעטא. (לאכט) יא, דו קענסט זיך גאר ניט פאר־שטעלען, ווי איך האב איהם געליעבט. איך ערינער זיך, ווי איך האב א מאל געוויינט בלויז דערפאר, ווייל ער האט מיר געזאגט, דאס באלעטא איז ניט קיין שעהנער נאמען.

הילדא. יא, בערעכען נור (קוקט ווידער ארונטער) זעה נור דא, זעה נור! די „מאדאם פון ים" געהט דאך גאר מיט איהם, און ניט מיט'ן פאפא. מיר דוכט זיך, דאס זיי זיינען ניט גלייכגילטיג איינס צום צווייטען.

באלעטא. ווי שעהמסטו זיך ניט צו רעדען אזוי וועגען איהם. אלעס איז שוין דאך געוועזן אזוי גוט צווישען אונז.

הילדא. גוט, וואס דען! קענסט מיר גלויבען, דאס מיר וועלען שוין קיינמאהל מיט איהר גוט ניט קענען זיין. מיר פאר־פאסען זיך ניט צו איהר, און זי פאסט זיך ניט צו אונז. איך ווייס גלאט ניט, ווי אזוי האט ער זי געקענט ברענגען צו אונז! איך וועל מיך אפילו ניט וואונדערען, ווען אין א שעהנעם טאג וועט זי נעהמען גאר פראסט און משוגע ווערען.

באלעטא. משוגע ווערען! ווי קען דיר דאס גאר קומען אין די געדאנקען אריין?

הילדא. איך רעכען, אז דא איז גאר קיין וואונדערבא־רעס ניטא. איהר מוטער איז אויך געווען משוגע, און אזוי משוגע'ערהייט איז זי טאקי געשטארבען, איך ווייס דאס זיכער.

באלעטא. איבעראל איז דיין נאז פול, וועגען דעם מעגסטו אבער האלטען מויל, אמוויינינגסטענס וועגען דעם פאפא. זאלסט מעהר ניט רעדען וועגען דעם, דו הערסט, הילדא

(דר. וואנגעל, ארנהאלם און לינגסטראן קומען ארויף פון דער רעכטער זייט).

עליזא. (ציינט פון ווייטען) דער ים איז דארט!

ארנהאלם. יא, ריכטיג, ער מוז ערגעץ זיין אין דער ריכטונג.

באלעטא. (צו ארנהאלם) ניט אמת, דאס איז א שעהן שטעדטעל?

ארנהאלם. זעהר שעהן. נאך מייגער מיינונג א פראכט־פאלער אנבליק.

וואנגעל. איך רעכען, דאס איהר זיינט נאך דא גאר קיינמאל ניט געוועזען אויף דעם פלאץ?

ארנהאלם. ניין, קיינמאל ניט. אין מיינע צייטען האט מען גאר ניט געקענט צוקומען אהער. אפילו קיין סטעזשקע איז נאך דאן ניט געווען.

וואנגעל. דאס אלעס איז ערשט די לעצטע פאר יאהר צוגעבויט געווארען.

באלעטא. דארטען, ווייטער, אין לאדסקאלען, איז די פאנאראמא נאך פיעל שעהנער ווי דא.

וואנגעל. פיעלייכט וועלען מיר אלע געהן אהין עליזא?

עליזא. (זעצט זיך אויף א שטיין) איך וועל דערווייל דא זיצען, איהר מעגט אייך געהן.

וואנגעל. בלייב איך אויך מיט דיר. די קינדער וועלען שוין ווייזען הערר ארנהאלם דא אלע שעהנע פלעצער.

באלעטא. ווילט איהר געהן מיט אונז הערר ארנהאלם?

ארנהאלם. מיט דעם גרעסטען פערגניגען. אהין איז אויך דא א וועג?

באלעטא. א, יא, א זעהר שעהנער און ברייטער וועג.

הילדא. דער וועג איז גענוג ברייט, אז מען זאל קענען געהן אויף איהם נעארעמט.

ארנהאלם. (שפאסיג) איהר דענקט אזוי קליינע פריי־ליין הילדא? (צו באלעטא'ן) פיליייכט וואלטען מיר זיך דאס

פראקטיש איבערצייגט ?

באלעטא. (מיט א פֿערבארגענעם געלעכטער) פֿאר וואס דען ניט, קומט! (זיי נעהמען זיך געארעמט און געהן אוועק).

הילדא. (צו לינגסטראן) און מיר וועלען אויך געהן ?

לינגסטראן. געארעמט ?

הילדא. פֿאר וואס ניט ? איך וועל גערן געהן.

לינגסטראן. (נעהמט זי געארעמט) אך, דאס איז נאר צום לאכען.

הילדא. אזוי לעכערליך איז עס ?

לינגסטראן. דאס זעהט אויס ווי מיר וואלטעןביידע געוועזן חתן־כלה.

הילדא. ווי עס ווייזט אויס, האט איהר נאך קיינמאל ניט שפּאצירט מיט א דאמע געארעמט, הערר לינגסטראן, ניט אזוי ? (זיי געהן אוועק לינקס).

וואנגעל. (שטעלט זיך נעבען איהר) אם ענדע, טהייערע עליזא, קענען מיר באטש זיין א פּאר מינוטען אליין...

עליזא. יא, קום אהער, זעץ זיך נעבען מיר.

וואנגעל. (זעצט זיך נעבען איהר) דא איז אזוי שטיל, דא קענען מיר זיך דורכרעדען און אם וועניגסטען ניט געשטערט ווערען.

עליזא. וועגען וואס ?

וואנגעל. פֿון דיר, פֿון אונזערע פֿערהעלטניסע. עליזא, דו ווייסט, אונזערע בעציהונגען קענען אזוי לייגער ניט אנהאלטען.

עליזא. וואס פֿעהלט דען ?

וואנגעל. פֿאלקאמענער צוטרויען איינס צום צווייטען, מיין טהייערע, א צוזאמענלעבען, ווי עס איז פֿריהער געוועזן.

עליזא. אה, ווען דאס זאל נור מעגליך זיין! דאס קען אבער מעהר ניט זיין!

וואנגעל. איך פֿערשטעה דיך גוט, עליזא. אורטהייי־לענדיג נאך דיינע אייגענע ווערטער, וואס כאפּען זיך צייטענווייז ביי דיר ארויס. איך דענק, דאס איך פֿערשטעה דיך.

ע ל י ז א. (מיט אימפעט) ניין, ניין! זאג ניט, אז דו פֿער־שטעהסט...

װ א נ ג ע ל. געװיס פֿערשטעה איך דיך, דו ביזט אן עהרליכע נשמה, עליזא, דו האסט א זעהר פֿיהלענדע, ערעלע זעעלע.

ע ל י ז א. יא, דאס איז װאהר.

װ א נ ג ע ל. נור אפֿענהערציגע פֿערהעלטניסע קענען דיך בערוהיגען. דיינע נעפֿיהלען בעלאנגען נור דיר...

ע ל י ז א. (קוקט אנגעשטרענגט אויף איהם) אה, דו מיינסט גאר װעגען דעם?

װ א נ ג ע ל. דאס פֿלעגט גאנץ אפֿט בויערען מיין מח, היינט האט זיך מיר אלעס ערקלעהרט. דער יום טוב, װאס די קינדער האבען געמאכט צוליעב זייער מוטער... דו זעהסט מיר אלס אנטהייל נעהמער אין דעם... נו, יא, א מענש קען ניט ארויסרייסען אלע זיינע געפֿיהלען. איך, אמװייניגסטען בין צו שװאך דערצו.

ע ל י ז א. יא, איך װייס דאס, איך װייס עס גאנץ גוט.

װ א נ ג ע ל. דו מאכסט אבער א גרויסען טעות דער־מיט. דו קוקסט אויף דעם פונקט, װי זייער מוטער זאל נאך זיין צװישען אונז א לעבעדיגע. דו זעהסט עטװאס אונמאראלישעס און דערפֿאר װילסטו ניט, אדער דו קענסט ניט זיין מעהר מיין פֿרוי.

ע ל י ז א. (הויבט זיך אויף פֿון ארט) דו האסט דאס אלעס איינגעזעהען, װאנגעל? האסט אריינגעקוקט אזוי טיעף?

װ א נ ג ע ל. יא, היינט האב איך אלעס ארויסגעזעהן, פֿון דער טיעפֿסטער טיעפֿעניש זאגאר.

ע ל י ז א. פֿון דער טיעפֿסטער טיעפֿניש, זאגסטו? אך, דענק ניט אזוי!

װ א נ ג ע ל. (הויבט זיך אויף פֿון פלאץ) איך װייס אליין, אז דאס איז נאך ניט אלעס, טהייערע עליזא.

עליזא. (דערשראקען) דו ווייסט, אז דאס איז נאך ניט אלעס?

וואנגעל. יא, איך ווייס. דו קענסט זיך ניט צופאסען צו דיזען פלאץ. די בערג דריקען דיין גייסט. דו האסט צו ווייניג ליכט דא. דער הימעל איז צו קליין פאר דיר, צו טונקעל. דער ווינד איז דא ניט גענוג שטורמיש ניט גענוג שטארק פאר דיר.

עליזא. איך וועל צוגעבען, דאס דו ביזט גערעכט מיט דעם, ביי נאכט און ביי טאג, סיי זומער, סיי ווינטער, בענק איך אלס נאך דעם טיעפען ברייטען ים.

וואנגעל. איך ווייס עס גוט, טהייערע עליזא. (לעגט ארויף זיין האנד אויף איהר קאפ) און דערפאר טאקי וועט דאס אריד מע קינד נעבעך פאהרען צוריק אהיים.

עליזא. וואס הייסט?

וואנגעל. גאנץ פראסט. מיר וועלען זיך איבערקלייבען.

עליזא. איבערציהען!

וואנגעל. יא, איבערקלייבען זיך אין א פלאץ נעבען ים, אין אזא פלאץ, וואו דו זאלסט זיך פיהלען פונקט ווי ביי זיך אין דער היים.

עליזא. ניין, טהייערער, טראכט אפילו ניט וועגען דעם! דאס איז אונמעגליך. נאר זיך ניט אפ, נור דא קענסטו זיך פיהלען גליקליך.

וואנגעל. זאל זיין, וואס עס וועט זיין, און אחוץ דעם אלעמען, דענקסטו, אז איך קען זיין גליקליך אהן דיר?

עליזא. איך בין דאך דא. איך בין דאך דיינע, און דא וועל איך שוין מוזען בלייבען.

וואנגעל. ביזט מיינע, עליזא?

עליזא. אך, לאז עס געהן! דא איז דאך אלעס, צוליעב וואס דו לעבסט. דער גאנצער ציעל פון דיין לעבען איז דאך דא.

וואנגעל. זאל זיין, וואס עס וויל זיך. מיר קלייבען זיך אריבער צום ים, און דו טהייערע עליזא, שפאר מיר בעסער

ניט איבער

ע ל י ז אַ. וואס אבער ווערן מיר געווינען מ׳ט דעם ?

וו א נ ג ע ל. דו וועסט קערפערליך, אויך גייסטיג געזונד ווערן.

ע ל י ז א. איך גלויב קוים. און דו אליין, גיב נור א טראכט ווענען זיך, וואס וועסטו געווינען מיט דעם ?

וו א נ ג ע ל. וואס דו וועסט ווערן צוריק מיינע, פונקט ווי א מאל, טהייערע עליזא.

ע ל י ז א. דאס איז אונמעגליך! ניין, ניין, דאס איז אונ־מעגליך, וואנגעל! דערפאר איז דאך דאס אלעס אזוי שרעקליך, דערפאר לייד איך דאך טאקי אזוי פיעל.

וו א נ ג ע ל. מיר ווערן פרובירען. אויב דא פלאגען דיך אזוינע געדאנקען, איז קיין אנדער מיטעל נימא ווי אבצו־פאהרען פון דאנען. און וואס גיכער דאס בעסער. דו הערסט, דאס איז בעשטימט.

ע ל י ז א. ניין, מען דארף ניט. איין גאט איז מיין עדות, אז איך קען ניט. בעסער וועל איך דיר שוין אלעס דערצעהלען.

וו א נ ג ע ל. פארקעהרט, טהו עס טאקי.

ע ל י ז א. דו דארפסט זיך ניט אונגליקליך מאכען צוליעב מיר. א חוץ דעם וועט דאס גאר ניט העלפען.

וו א נ ג ע ל. דו האסט דאך מיר נאר וואס געזאגט, דאס דו וועסט מיר אלעס דערצעהלען, אבער געדענק אלעס!

ע ל י ז א. איך וועל עס דיר איבערגעבען, אזוי גוט, ווי איך וועל נור קענען, פונקט ווי עס קומט מיר אליין פאר. קום אהער, זעץ זיך נעבען מיר! (זיי זעצען זיך אויף די שטיינער).

וו א נ ג ע ל. נו, עליזא?

ע ל י ז א. דו געדענקסט דעם טאג, ווען דו ביסט געקו־מען צו מיר און געפרעגט אויב איך קען ווערן דיין פרוי? דו האסט אזוי עהרליך געהאנדעלט געגען מיר, דערצעהלענדיג מיר אלעס, דאס דו ביזט שוין געווען פערהייראטה, און דו האסט

זיך אויך געפיהלט גליקליך...

וואנגעל. יא, דאס איז אלעס וואהר.

עליזא. יא, איך גלויב עס דיר, טהייערער; איך האב ניט צוליעב דעם דא פערפיהרט דעם געשפרעך. איך האב דיר בלויז געוואלט אויפמערקזאם מאכען, דאס איך בין אויך געוועזען גאנץ אפענהערציג צו דיר. איך האב אפילו פון דיר ניט פער־בארגען, דאס איך האב שוין אמאל געליעבט אן אנדערן, און דאס ביי אונז איז פארגעקומען אזוי ווי... אזוי ווי א פערלאבונג...

וואנגעל. אזוי ווי?...

עליזא. יא, עטוואס עהנליכעס. דאס האט אבער לאנג ניט אנגעהאלטען. ער איז באלד אוועקגעפאהרען, און נאכהער האב איך דאך מייןווארט צוריקגעצויגען. דאס אלעס ווייסטו, איך האב דיר דאס שוין דערצעהלט.

וואנגעל. טהייערע עליזא, צו וואס די אלטע ערינע־רונגען? דאס האט מיך קיינמאל ניט געארט, און איך האב זיך קיינמאל ניט געפרעגט וועגען דעם. אפילו ניט ווער אזוינס איז געוועזען דער מענש.

עליזא. ניין, דו האסט מיך טאקי קיינמאל ניט איבער־געפרעגט וועגען דעם. דו ביזט אימער געוועזען זעהר גוט און עדעל צו מיר

וואנגעל. (שמייכלט) איך האב דאך סיי ווי געוואוסט זיין נאמען.

עליזא. זיין נאמען!

וואנגעל. אין סקאלדוויק און ארום ויינען ניט זעהר פיעל מענשען געוועזען, אויף וועמען איך זאל קענען דענקען, אז ער... דארט איז בלויז געוועזען וואס האט פערדינט מיין חשד...

עליזא. דו רעכענסט אודאי, אז דאס איז געוועזען ארנהאלם.

וואנגעל. יא, ווער דען, אויב ניט ער?

עליזא. ניין, ניט ער.

וואנגעל. ניט ער! אויב אזוי, ווייס איך ניט, ווער דאס איז געוועז.

עליזא. געדענקסטו, ווי א מאל אין אסיען־צייט איז אין סקאלדוויק אנגעקומען א שיף, וועלכע האט שטארק געלי־טען פון איהר רייזע?

וואנגעל. יא, איך געדענק דאס גאנץ גוט. אויף דעמזעלבען שיף האט מען אין א געוויסען פריהמארגען געפונען דעם קאפיטאן א דער׳הרג׳טען אין זיין קאיוטע. איך אליין בין דארטען געוועזן און האב אונטערזוכט זיין קערפער.

עליזא. יא, דו ביזט אויך דארטען געוועזן.

וואנגעל. איהם האט געמוזט הרג׳ענען דער עלטער־שטער פון די מאטראזען.

עליזא. דאס קען קיינער ניט זאגען, דאס איז ניט אויסגעפינען געוואָרען.

וואנגעל. דאך קען מען ניט צווייפלען אין דעם. וואס דען האט איהם געטריבען זיך צו דערטרינקען?

עליזא. ער האט זיך ניט דערטרונקען. ער איז אוועק מיט אן אנדער שיף אין וויטען נארד אריין.

וואנגעל. (פערוואונדערט) פון וואנען ווייסטו דאס?

עליזא. (שטרענגט זיך אן) יא, וואנגעל, מיט איהם בין איך דאך... דאך געוועזן פערלאבט...

וואנגעל. (שפרינגט אויף פון ארט) וואס רעדסטו? ווי איז דאס מעגליך?...

עליזא. יא, מיט איהם.

וואנגעל. אום גאטעס ווילען, עליזא! ווי האסטו דאס געקענט טהאן! זיך פערלאבען צו א מענשען, וועמען דו האסט ניט געקענט, צו אווילד פרעמדען! ווייסטו כאטש, ווי מ׳האט איהם גערופען?

עליזא. דאמאלס האט ער זיך גערופען פרימאן. נאכ־הער אין זיינע בריעף צו מיר. פלעגט ער זיך אונטערשרייבען

אלפרעד דזשאַנסאַן.

וואַנגעל. און פון וואנען שטאמט ער?

עליזא. ער האט מיר געזאגט, דאס פון פינמארקען, *) נעבוירען איז ער אין פינלאנד, ער איז אבער נאך אלס קינד פון דארט אוועק מיט זיין פאטער.

וואַנגעל. אלזא א מיימיסט? **)

עליזא. יא, אזוי רופט מען זיי.

וואַנגעל. וואס נאך עפעס ווייסטו וועגען איהם?

עליזא. איך וויים בלויז, דאס ער איז זעהר יונג גע־ווארען א רייזענדער, און דאס ער האט זעהר פיעל ארומגערייזט.

וואַנגעל. מעהר גאר ניט?

עליזא. ניין. אונז איז קיינמאל ניט איינגעקומען צו רעדען וועגען דעם.

וואַנגעל. פון וואס דען פלעגט איהר רעדען?

עליזא. מיר פלעגען מייסטענס רעדען וועגען ים.

וואַנגעל. א, א, פון ים!

עליזא. מיר פלעגען רעדען פון ים, ווי ער זעהט אוים, ווען ער זידט און פינעט אין צארן פון א ווילדען שטורם... און אויך ווי ער איז, ווען די זון שיינט איבער איהם מיט איהרע גאלדענע שטראהלען... מיר פלעגען רעדען פון די שטאק־בלינדע נעבעט אויף דעם ים... און אויך ווי רוהיג און לאסצענד ער איז אין א שעהנעם העלען טאג... מעהרסטענס פלעגען מיר אבער רעדען וועגען די גרויסע וואלפיש, און פון די ים־ווייזלען, וועלכע קריכען אויף די ברעגעס ביי טאג זיך ווארעמען אויף דער זון. מיר האבען אויך גערעדט פון פערשיעדענע וואסער־פויגלען, פון אדלערס, וועלכע פלעגען זיך טראגען איבער אונז... שטעל זיך

*) פינמארקען — דער סאמע נארד־ליכט פון נארוועגיען.

**) מיימיסט אדער טשוכאניעץ — אזא שבט אין פינלאנד, וואס רעדט זיין אייגענע שפראך. ער וואינט ארום די פעטערסבורגער און שליסעלבורגער אקרוגען. — איבערזעצער.

נור פֿאר, איז דאס ניט מערקווירדיג? ווען מיר פֿלעגען נור אנ־פֿאנגען רעדען איבער די אלע זאכען, אזוי באלד האט זיך מיר אויסגעדוכט, דאס אלע ים־חיות און וואסער־פֿייגלען זיינען מיט איהם זעהר נאהענטע קרובים.

וואנגעל. און דו אליין?

עליזא. יא מיר פֿלעגט זיך אויך אויסציינען, דאס איך קעהר זיך אן מיט זיי אלעמען.

וואנגעל. יא, יא, און אזוי הייסט עס, ביזטו פֿער־לאבט געווארען צו איהם?

עליזא. יא. ער האט געזאגט, דאס איך מוז אזוי טהון.

וואנגעל. דו מוזט! און וואו איז דיין ווילען געווען.

עליזא. ווען ער פֿלעגט זיין נעבען מיר האב איך קיין אייגענעם ווילען ניט געהאט. אה, נאכהער ערשט, האב איך איינגעזעהן, אז דאס איז אונמעגליך.

וואנגעל. פֿלעגט איהר זיך אפֿט זעהן?

עליזא. ניין, ניט אפֿט. איינמאהל איז ער געקומען צו אונז איבערקוקען דעם לייכט־טהורעם. דאמאלס האב איך זיך בעקענט מיט איהם. נאכהער פֿלעג איך זיך זעהר זעלטען זעהן מיט איהם. און דא איז נאך אונטערגעקומען די געשיכטע מיט'ן קאפיטאן, און ער האט געמוזט באלד פֿעררייזען.

וואנגעל. יא, יא... דערצעהל מיר אלעס וועגען דעם!

עליזא. דאס האט פאסירט איינמאהל אין א פֿריה־מארגען... איך האב דאן ערהאלטען א צעטעלע פֿון איהם, איך זאל תיכף ארויסקומען צו איהם אין „בראטאמער", דו ווייסט, דעם פֿעלז, וואס איז צווישען לייכט־טהורם אין סקאילדוויק?

וואנגעל. געוויס, געוויס, דער פלאץ איז מיר זעהר גוט בעקאנט.

עליזא. ער האט מיר געשריבען, דאס איך זאל אונ־בעדינגט באלד קומען זיך זעהן מיט איהם, וויל ער האט מיר זעהר וויכטיגעס מיטצוטהיילען.

ו ו א נ ג ע ל. און דו ביזט געגאנגען?

ע ל י ז א. יא, איך האב זיך ניט גטקאנט אבזאגען. דאמאלס האט ער מיר מיטגעטהיילט, דאס ער האט געקוילעט דעם קאפיטאן.

ו ו א נ ג ע ל. האט ער דיר דאס אליין אויסגעזאגט? אליין זיך מודה געווען?

ע ל י ז א. יא, נור נאך זיינע רייד איז אויסגעקומען, דאס ער האט דאס געמוזט טהאן, ווייל אזוי האט זיין עהרע און גע־רעכטיגקייט געפאָרדערט.

ו ו א נ ג ע ל. „עהרע" גערעכטיגקייט! פאר וואס אבער האט ער איהם געקוילעט? עס מוז דאך זיין א געוויסע אורזאכע.

ע ל י ז א. דאס האט ער מיר ניט געוואלט אויסזאגען. ער האט מיר געגעבען צו פערשטעהן, דאס איך דארף עס ניט וויסען.

ו ו א נ ג ע ל. און דו האסט איהם אלעס געגלויבט אויפ'ן ווארט?

ע ל י ז א. יא, איך האב גאר אנדערש ניט גערענקט. דערווייל האט ער דאך געמוזט אבפאהרען. איידער ער האט זיך מיט מיר געזעגענט... ניין, דו וועסט זיך גאר ניט קענען פאר־שטעלען, וואס ער האט דאן געטהאן.

ו ו א נ ג ע ל. וואס? זאג מיר אויך!

ע ל י ז א. ער האט ארויסגענומען פון קעשענע א גרויסען רינג פון שליסעל, דערנאך האט ער פון פינגער ארונטערגענומען א גאלדענעם רינגעל, וואס ער פלעגט אימער טראגען, ביי מיר האט ער אויך צוגענומען א רינגעל, וואס איך האב דאן געטראגען, און האט זיי אנגעטשעפעט אויף דעם גרויסען רינג. דאן האט ער געזאגט, דאס יעצט דארפען מיר זיך פערלאבען דורך דעם ים.

ו ואנ ג ע ל. פערלאבען?

ע ל י ז א. יא, אזוי האט ער געזאגט. און ביי די ווערטער האט ער מיט אלע קרעפטען א ווארף געטהאן די רינגען אין ים אריין.

װ ו א נ ג ע ל. און דו עליזא? דו ביזט בעשטאנען אויף דעם?

ע ל י ז א. יא. שטעל דיר פֿאר, אז דאמאלס האב איך געדענקט, דאס ער קען גאר אנדערש ניט. נור דאנקען נאט, נאכדעם באלד איז ער אבגעפֿאהרען.

װ ו א נ ג ע ל. און נאכדעם, ווי ער איז פֿערשוואונדען?

ע ל י ז א. אה, דו קענסט שוין אליין פֿערשטעהן, דאס איך האב מיך באלד ארומגעזעהן, ווי נאריש דאס אלעס איז געווען.

װ ו א נ ג ע ל. דו האסט דאך אבער פֿריהער געזאגט, דאס ער פֿלעגט זיך אונטערשרייבען אויף זיינע בריעף. האט ער דען דיר נאך געשריבען בריעף?

ע ל י ז א. יא די ערשטע צייט פֿלעגט ער מיר אפֿט שרייבען. איין בריעף האב איך באלד געקראגען פֿון ארכאנגעלסק. ער האט מיר קורץ מיטגעטהיילט, דאס ער קלייבט זיך אוועק־צופֿאהרען נאך אמעריקא. פֿון דארטען האט ער מיר אויך געשריבען, וואוהין איך זאל איהם ענטפֿערן.

װ ו א נ ג ע ל. און דו האסט איהם געענטפֿערט?

ע ל י ז א. געוויס, באלד ווי איך האב נור געקראגען די בריעף פֿון איהם. איך האב איהם געשריבען, דאס אלעס, וואס איז צווישען אונז פֿארגעקומען, מוז פֿערגעסען ווערען; דאס ער האט מעהר ניט צו טראכטען וועגען מיר, און איך וועל אויך מעהר ניט דענקען וועגען איהם.

װ ו א נ ג ע ל. און פֿון דעסטוועגען האט ער דיר נאך א מאל געשריבען?

ע ל י ז א. יא, ער האט מיר נאך געשריבען.

װ ו א נ ג ע ל. וואס האט ער דיר געענטפֿערט אויף דיין בריעף?

ע ל י ז א. אפילו א ווארט ניט וועגען דעם. פונקט ווי איך וואלט איהם גארניט געווען געשריבען וועגען פֿערגעסען אן

אַלעס. פערקעהרט ער האט גאנץ קאלטבלוטיג געשריבען, דאס איך זאל זיין פערטיג צו יעדער צייט, און ווען איך וועל נור קריגען צו וויסען פון איהם, זאל איך באלד פאהרען.

וואנגעל. אלזא האט ער זיך ניט געוואלט ענטזאגען פון דיר?

עליזאַ. אין צווייטען בריעף האב איך איהם דאס זעלבע דערמאנט נאך מיט א פעסטערען טאן.

וואנגעל. נו, האט ער זיך אונטערגעגעבען?

עליזא. אה, ניין, ער האט אפילו ניט געדענקט וועגען דעם. ער האט מיר ווייטער א מאל געשריבען אין א גאנץ רו־היגען טאן, פונקט ווי פריהער, אפילו ניט א ווארט וועגען פער־געסען זיך. וועהענדיג, אז דאס אלעס איז ארויסגעווארפען, האב איך גאר אין גאנצען אויפגעהערט צו שרייבען.

וואנגעל. און פון איהם האסטו אויך מעהר ניט געקראגען קיין בריעף?

עליזא. נאך דריי בריעף האט ער מיר געשיקט. דער ערשטער בריעף איז געווען פון קאליפארניע; דאס צווייטע מאל האט ער מיר געשריבען פון כינא, און זיין לעצטער בריעף איז געווען פון אויסטראליא. דארט האט ער מיר מיטגעטהיילט, דאס ער וויל פאהרען צו די גאלד־גרובען און זייט דאן האב איך קיין שום נאכריכט פון איהם ניט געהאט.

וואנגעל. ער האט געדארפט האבען א שטארקען איינפלוס איבער דיר, עליזא.

עליזא. אה, יא, יא, א שרעקליכער מענש!

וואנגעל. גיב מיר דיין ווארט, דאס דו וועסט מעהר וועגען דעם ניט טראכטען, קיינמאל ניט, קיינמאל ניט! מיין טהייערע עליזא! מיר וועלען פרובירען אויך אן אנדער מיטעל צו דעם. דא, ביי די פיארדען, איז די לופט צו שווער פאר דיר. מיר וועלען די לופט פערבייטען אויף דער גאלדענער לופט פון ים! וואס זאגסטו צו דעם?

ע ל י ז א. אה, רעד ניט וועגען דעם, דאס וועט גארניט העלפען! איך פיהל, דאס איך וועל אויך דארט קיין רוה ניט האבען, איך וועל קיינמאל מעהר ניט פטור ווערען פון דעם...

וו א נ ג ע ל. ניט פטור ווערען פון וואס? טהייערע, פון וואס רעדסטו עס?

ע ל י ז א. פון דעם פחד, וואס הערשט איבער מיר...

וו א נ ג ע ל. וועגען דעם אלעם, וואס איז צווישען אייך פארגעקומען, האסטו דאך שוין לאנג פערגעסען, נאך דאן ווען דו האסט אפגעריסען אלע פערבינדונגען מיט איהם. דאס איז דאך שוין לאנג, לאנג פאראיבער.

ע ל י ז א. (שפרינגט אויף פון פלאץ) ניין, דאס איז עס דאך טאקי, ווייל עס איז נאך ניט פאראיבער.

וו א נ ג ע ל. ניט פאראיבער!

ע ל י ז א. ניין, וואנגעל, ניט פאראיבער! און איך האב אויך מורא, דאס עס וועט גאר קיינמאל ניט פאראיבער, קיינמאל ניט, ניין, קיינמאל אין מיין לעבען!

וו א נ ג ע ל. (מיט א פערשטיקטער שטימע) מיינסטו אפשר מיט דעם צו זאגען, דאס אין הארצען האסטו ניט געקענט אלעם אויסלעשען וועגען דעם פרעמדען?

ע ל י ז א. איך האב איהם פערגעסען, נאכהער אבער האט פאסירט אזעלכעס, פונקט ווי ער אליין וואלט צוריקגעקומען.

וו א נ ג ע ל. ווען איז דאס געוועזען?

ע ל י ז א. מיט א יאהר דריי צוריק, אדער עפעס ווייניגער, דאס איז געוועזן פונקט דאן, ווען איך האב געדארפט מוטער ווערען.

וו א נ ג ע ל. אה! אלזא אין דער צייט! יא, עליזא, איך הויב יעצט אן פיעלעס צו פערשטעהן.

ע ל י ז א. דו האסט א טעות, טהייערער! דאס איז אויף מיר דאן אנגעקומען... אה! מיר דוכט, דאס אייביג וועלען מיר ניט זיין אימשטאנד דאס צו פערשטעהן.

וואנגעל. (קוקט אויף איהר טרויעריג) זיך בערעבענען, דאס גאנצע דריי יאהר האסטו געשפירט א ליעבע צו אן אנדערען!... צו אן אנדערען... ניט צו מיר... צו אן אנדערען!

עליזא. דו האסט א טעות, ווען דו דענקסט אזוי, איך ליעב קיין אנדערען אויסער דיך.

וואנגעל. (שטילער) פאר וואס־זשע האסטו די גאנצע צייט ניט געוואלט זיין מיין פרוי!

עליזא. אין דעם איז שולדיג דער פחד, וואס דיזער שרעקליכער מענש איבט אויס אויף מיר.

וואנגעל. פחד?...

עליזא. יא, פחד. אזא אונבעגרייפליכע מורא קען נור, מיר דוכט, דער ים ארויסרופען. דו דארפסט זיך פון אלעס דערוויסען, וואנגעל... (די יונגע מענשען פון שטאדט קומען אן פון דער לינקער זייט, זיי נייגען זיך צו די זיצענדע און געהן אב רעכטס. צוזאמען מיט זיי קומען אויך אן ארנהאלם, באלעטא, הילדא און לינגסטראן).

באלעטא. (דורכגעהענדיג נעבען זיי) איהר שפאצירט נאך אלין דא ארום?

עליזא. יא, דא איז גאנץ קיהל.

ארנהאלם. און מיר קלייבען זיך צו געהן טאנצען אונטען.

וואנגעל. געהט, געהט. מיר קומען אויך באלד ארונטער.

הילדא. אלזא, אויפס־ווידערזעהען.

עליזא. הערר לינגסטראן,ווארט אויס א רגע. (לינגסטראן שטעלט זיך אפ; ארנהאלם, באלעטא און הילדא געהן אפ לינקס) איהר קלייבט אייך אויך טאנצען?

לינגסטראן. ניין, מאדאם; איך גלויב, אז עס איז ניט גוט פאר מיין געזונד.

עליזא. בעסער איז, איהר זאלט זיך אבהיטען. איהר זיינט דאך נאך ניט פטור געווארען פון אייער קראנקהייט.

ל י נ ג ס ט ר א ן. איהר זיינט גערעכט. נאך ניט אין גאנצען.

ע ל י ז א. (ניט וואגענד) ווי לאנג איז שוין אייגענטליך זייט איהר האט געמאכט אייער רייזע?

ל י נ ג ס ט ר א ן. איהר מיינט די רייזע, פון וועלכע איך בין קראנק געווארען?

ע ל י ז א. איך מיין די רייזע, פון וועלכע איהר האט היינט אין דער פריה דערצעהלט.

ל י נ ג ס ט ר א ן. אה! דאס איז געווען... ערלויבט נור — יא! דאס איז געווען מיט גאנצע דריי יאהר צוריק.

ע ל י ז א. דריי יאהר, אלזא?

ל י נ ג ס ט ר א ן. מעגליך עטוואס מעהר. מיר זיינען אפגעשוואומען פון אמעריקא אין פעברואר; אין מערץ האבען מיר געליטען פון שיפסברוך. דאן קומען אוים די שרעקליכע שטורעמס, איבער דער גלייכצייטיגקייט פון טאג.

ע ל י ז א. (קוקט אויף וואנגעל'ן) אלזא, דאס איז געווען דאן...

ו ו א נ ג ע ל. אבער, טהייערע עליזא?...

ע ל י ז א. איך וועל אייך דא מעהר ניט פערהאלטען, העררר לינגסטראן. איהר קענט געהן. איך בעט אייך אבער, איהר זאלט ניט טאנצען.

ל י נ ג ס ט ר א ן. ניין, איך וועל בלויז קוקען. (ער געהט אוועק לינקס).

ו ו א נ ג ע ל. טהייערע עליזא, צו וואס האסטו איהם אויסגעפרעגט וועגען זיין רייזע?

ע ל י ז א. דזשאנסאן איז געווען צוזאמען מיט איהם אויף דער שיף, איך בין אין דעם מעהר ווי זיכער.

ו ו א נ ג ע ל. פון וואנען דרינגסטו עס?

ע ל י ז א. אויף דער שיף האט ער זיך דערוואוסט, דאס איך האב געהייראטה מיט א צווייטען אין זיין אבוועזענהייט. און

פונקט אין דער שטונדע איז דאס אויף מיר צוגעשיקט געווארען!

וואנגעל. דו רעדסט וועגען דעם שרעק?

עליזא. יא, יעדע מינוט קען איך איהם זעהן שטעהן נעבען מיר ווי א לעבעדיגען. עס צייגט זיך מיר אויס, דאס ער שטעהט נעבען מיין זייט, ער קוקט אבער ניט אויף מיר, ער שטעהט בלויז.

וואנגעל. ווי אזוי קומט ער דיר פאר?

עליזא. פונקט אזוי ווי איך האב איהם געזעהען דאס לעצטע מאל.

וואנגעל. צוריק מיט צעהן יאהר?

עליזא. יא, דארט אין „בראטאמער". דייטליכער פון אלעס, זעה איך די שפילקע, וואס ער האט געטראגען אין קראַוואט, מיט א גרויסען, בליי־ווייסען פערעל. דער פערעל איז זעהר עהנליך געווען צו אן אויג פון א גרויסען פיש, און מיר דוכט זיך אויס, דאס עס קוקט אויף מיר אזוי שטרענג, אזוי בייז...

וואנגעל. גאט מיינער! דיין קראנקהייט איז פיעל ערנסטער, ווי מיר דענקען ביידע, עליזא.

עליזא. אה, יא, העלף מיר, אויב דו קענסט! איך פיהל, דאס די שרעק גרייפט מיך אן אלץ מעהר און מעהר.

וואנגעל. און אין אזא צושטאנד האסטו אבגעלעבט דריי לאנגע, שרעקליכע יאהר, און האסט אלעס שטיל אריבער־געטראגען, און מיר האסטו דאס ניט געוואלט פערטרויען.

עליזא. איך האב דאך ניט געקענט? איך האב אויך יעצט ניט געקענט. איך האב דאס אבער געמוזט, צוליעב דיר אליין. ווען איך זאל עס דיר געוועזן פריהער דערצעהלען, וואלט איך דיר אויך געמוזט אויסזאגען, דאס... דאס, וואס איך קען ניט, איך קען יעצט אויך דיר ניט דערצעהלען... עס איז אונ־מעגליך, אונמעגליך!

וואנגעל. אונמעגליך?!

ע ל י ז א. ניין, ניין, ניין! פֿרעג ניט! איך וועל דיר אליין זאגען, אבער נור איין זאך, מעהר ניט. וואנגעל, איז דיר ניט פֿארגעקומען אונזער קינד'ס אויגען... אזוינע אויסערגעוועהנליכע?...

וו א נ ג ע ל. מיין גוטע, טהייערע עליזא, איך פֿערזיכער דיר, דאס עס איז בלויז דיינע אן איינבילדונג. ביים קינד זיינען געוועזן פונקט אזוינע אויגען, ווי ביי אלע קינדער.

ע ל י ז א. ניין, ניט אזוינע! דו האסט עס ניט בעמערקט. זיי פֿלעגען בייטען זייער קאליר פונקט ווי דער ים. אויב דער פיארד איז געוועזן רוהיג, און פֿערגאלדעט מיט זונען-שטראהלען פֿלעגען אויך דעם קינד'ס אויגען זיין אזעלכע, דאס זעלבע האט פאסירט, ווען עס פֿלעגט ווערען כמארנע, באלד פֿלעגען זיי ווערען דונקעל. אויב די האסט עס ניט בעמערקט, האב איך עס שוין דערפֿאר גוט בעמערקט.

וו א נ ג ע ל. (וויל איהר ניט איבערשפארען) הממ... זאל זיין אזוי. נור אפילו אז אזוי, טא וואס איז געדרונגען דערפֿון?

ע ל י ז א. (געהט נעהנטער צו צו איהם, רעדט שטיל) איך האב שוין א מאל געזעהען אזוינע אייגען.

וו א נ ג ע ל. וואס?... ווען?...

ע ל י ז א. אין בראטאמער, צוריק מיט צעהן יאהר.

וו א נ ג ע ל. (טרעט אב צוריק) וואס זאל עס בעדייטען?

ע ל י ז א. (ציטערענדיג מיט'ן גאנצען קערפער) ביים קינד זיינען געוועזן פונקט דיזעלבע אויגען, וואס ביים פֿרעמדען.

וו א נ ג ע ל. (שרייט אויס) עליזא!

ע ל י ז א. (ברעכט די הענד אין פֿערלעגענהייט) יעצט דארפֿסט דו שוין פֿערשטעהן, פֿאר וואס איך קען ניט און וואג ניט מעהר דיין פֿרוי צו זיין! (זי דרעהט זיך אום און לויפֿט ארונטער רעכטס)

וו א נ ג ע ל. (לויפֿט איהר נאך, שרייענדיג) עליזא! עליזא! מיין ארימע, אונגליקליכע עליזא!

(פֿארהאנג)

דריטער אקט.

א ווינקעל טיעף אין גארטען ארום דר. וואנגעל'ס הויז, א פייכטער, זומפיגער פלאץ. אהן א שטראהל ליכט פון דער זון איבער די געדיכטע ביי־מער, וואס וואקסען דארט. רעכטס פון ווייטען זעהט מען די ברעגעס פון א טייך, א נידריגער פלאנקען טהיילט אפ דעם גארטען פון א סטעזשקע, וואס פיהרט צום פיארד, גאר פון ווייטענס זעהט זיך דער ברעג. עס פאנגט אן נאכט צו ווערען. באלעטא זיצט אויף א באנק, וואס איז אויסגעמאכט פון שטיינער און נעהט עטוואס אויס. אויף דער באנק ליגען צוויי ביכער. אויך שטעהט דארט א קליין קוישעלע. הילדא און לינגסטראן,ביידע מיט ווענד־קעס, געהען ארום נעבען ברעג טייך.

ה י ל ד א. (מאכט א צייכען צו לינגסטראן) שטעהט שטיל! אט דארט זעה איך א גרויסען פיש.

ל י נ ג ס ט ר א ן. (קוקט אין דער זייט, ווי זי צייגט איהם אן) וואו איז ער?

ה י ל ד א. (צייגט מיט דעם פינגער) ווי, איהר זעהט טאקי ניט? אט איז ער דאך. גיט נור א קוק דארטען. אט דארט איז נאך איינער. (קוקט צווישען די ביימער) אט קומט ער; און וועט זיי איבערשרעקען.

ב א ל ע ט א. ווער?

ה י ל ד א. דיין פראפעסאר, מאמעלע!

ב א ל ע ט א. מיינער?

ה י ל ד א: נו, געוויס, מיינער איז ער דאך ניט, איך קען דיר אפילו שווערען אויף דעם. (פראפעסאר ארנהאלם בעווייזט זיך פון צווישען די ביימער, וואס וואקסען רעכטס.

א ר נ ה א ל ם. אין טייך ביי אייך געפינען זיך דען פיש?

הילדא. יא, דא איז פֿאראן א מאסע גאנץ אלטע קארעסען.

ארנהאלם. איך גלויב קוים. זיינען נאך ווירקליך דא אלטע קארעסען?

הילדא. זיי פֿלאריען זיך ניט פֿיעל, דערפֿאר אבער לעבען זיי גאנץ לאנג.

ארנהאלם. איהר וואלט בעסער געדארפֿט פּרובירען אייער גליק אין פֿיארד.

לינגסטראן. ניין, דא אין טייך, איז פֿיעל... ווי זאל איך אייך דאס זאגען, פֿיעל געהיימניספֿאלער.

הילדא. יא, דא איז דאס מעהר שפּאנענד. איהר קומט נור וואס פֿון ים?

ארנהאלם. יא, איך קום גלייך פֿון דער קופּאלניע.

הילדא. איך רעכען, דאס איהר וועט ניט געהן גאנץ וויט אין ים.

ארנהאלם. ניין, איך בין גאר א שוואכער שווימער.

הילדא. און איך קען. (צו לינגסטראן) קומט פּרובירען אונזער מזל ערגעץ ווייטער, אויף דעם אנדערער זייט ברעג.
(זיי געהן לאנגזאם אב רעכטס, האלטענדיג זיך ביים ברעג).

ארנהאלם. (געהט צו באלעטא'ן) איהר זיצט דא אליין באלעטא?

באלעטא. אה, יא, איך זיץ מעהרסטענס אליין.

ארנהאלם. אייער מוטער איז דען דא ניטא?

באלעטא. ניין. זי האט אודאי געמוזט געהן שפּאצי־רען מיט'ן, פּאפּא.

ארנהאלם. ווי פֿיהלט זי זיך היינט אבענד?

באלעטא. עהרען־ווארט, איך ווייס ניט, איך האב זי פֿערגעסען פֿרעגען וועגען דעם.

ארנהאלם. וואס האט איהר דא פֿאר א ביכער?

באלעטא. איין בוך איז א געאגראפֿיע, און דאס צווייטע

איז א באטאניקער.

א ר נ ה א ל ם. איהר לעזט גערן וועגען אזוינע זאכען?

ב א ל ע ט א. יא, ווען איך האב נור צייט דערפאר, דאן... אבער מעהרסטענס האב איך צו טהאן אין שטוב.

א ר נ ה א ל ם, און אייער מוטער... אייער שטיפמוטער... העלפט זי דען אייך אין דעם?

ב א ל ע ט א. ניין, די גאנצע ווירטשאפט איז אויף מיינע הענד. אזוי איז געווען די גאנצע צוויי יאהר, וואס דער פאפא איז געוועז אליין, און אזוי איז דאס יעצט אויך פערבליבען

א ר נ ה א ל ם. דאך האט איהר נאך א שטארקען חשק צו לעזען?

ב א ל ע ט א. יא, איך לעז יעדען בוך, וואס איז נוצליך און וואס איך קען נאר קריגען. איך וואלט אזוי גערן וועלען וויסען, וואס עס טהוט זיך אויף דער וועלט. דא זיינען מיר דאך, ווי אבגעשלאסען פון דער גאנצער וועלט. יא, כמעט, ווי אבגעשלאסען.

א ר נ ה א ל ם. מיין טהייערע באלעטא, וואס רעדט איהר?

ב א ל ע ט א. נו, יא, געוויס. איך זעה ניט איין קיין שום אונטערשיעד צווישען אונז און די קליינע קארעסען אין טייך. דער פיארד איז אזוי נאהענט צו זיי, און דאך קומען זיי אהין ניט צו, צוליעב די גרויסע,ווילדע פיש, וואס שווימען דארט ארום. אבער די קארעסען ווייסען גארניט וועגען דעם, און וועלען קיינמאל אהין ניט צוקומען.

א ר נ ה א ל ם. איך גלויב ניט, דאס זיי וואלטען זיך גע־פיהלט גליקליך, ווען זיי זאל געלונגען קומען אהין.

ב א ל ע ט א. איך ווייס אויך ניט, צו זיי וואלט געווארען בעסער, נור... אך, אלעס איינס!

א ר נ ה א ל ם. דאך קענט איהר ניט זאגען, דאס די היגע מענשען זיינען אין גאנצען אבגעטהיילט פון דער וועלט. יעדען־פאללס ניט אין זומער־צייט. פערקעהרט איך גלויב, דאס זומער־

צייט איז עס דאך איינער פֿון די מיטעלפונקטען, ווי מענשען פֿון דער גאנצער וועלט פֿאהרען זיך צוזאמען.

באלעטא. (שמייכעלט) אה, יא, עס איז אייך גרינג צו זאגען, ווייל איהר אליין זיינט געקומען אהער בלויז אויף א קורצע צייט, און דערפֿאר איז אייך לייכט צו רייצען זיך מיט אונז.

ארנהאלם. איך רייץ זיך ד'ען? וואס פֿאלט אייך איין!

באלעטא. יא, געוויס, ווייל אלעס, וואס איהר זאגט איבער דעם מיטעלפונקט, אין דעם גאנצען וועלט-צוזאמענ-פֿאהרעניש, האט איהר בלויז געהערט פֿון שטאדטישע איינוואהנער. זיי אלע האבען די געוואוינהייט צו רעדען וועגען אזוינע זאכען.

ארנהאלם. יא, זאגענדיג די ווארהייט, האב איך דאס שוין אליין בעמערקט.

באלעטא. אין דער ווירקליכקייט אבער איז דאס פֿאלש. אמווייניגסטען, וואס אונז, שטענדיגע איינוואהנער, אנ-בעלאנגט, וואס קומט אונז ארוים, ווען פֿערשיעדענע רייזענדע, וואס פֿאהרען צום נארד-פאל אנצוקוקען די זעלטען-שעהנע ליכטיגקייט פֿון די נארד-שטראהלען, שטעלען זיך דא אפּ אויף א ווײלע? מיר אלע פֿאהרען דאך ניט מיט זיי, אונז בלייבט בלויז איבער צו פֿיהרען אונזער לאנגווייליגען לעבען צוזאמען מיט די קארעסען, וואס לעבען דא אין טייך.

ארנהאלם. (זעצט זיך נעבען איהר) זאגט מיר נאר, טהייערע באלעטא, האט איהר ניט עפּוואס בעשטימטעס, צו וואס איהר שטרעבט, זיצענדיג אין אייער היים?

באלעטא. אה, יא, געוויס האב איך.

ארנהאלם. וואס איז דאס אזוינס? צו וואס אייגענטליך שטרעבט איהר?

באלעטא. דאס ערשטע וואלט איך געוואלט אוועק-פֿאהרען פֿון דאנען.

ארנהאלם. דאס קומט צום ערשטען. און?...

באלעטא. יא. און א חוץ דעם וואלט איך וועלען קריגען מעהר קענטניסע. איך זאל קענען האבען א ריכטיגערען בעגריף פון יעדע זאך.

ארנהאלם. אין דער צייט ווען איך האב מיט אייך געלערנט. האט אייער פאטער זיך אויסגעשפראכען, דאס ער וועט אייך לאזען פארטזעצען אייער שטודיום.

באלעטא. אה, יא, מאלע וואס ער זאגט. ווען עס קומט אבער צום טהאן, דאן... דאן האט ער קיין ענערגיע דאס אויסצופיהרען...

ארנהאלם. ריכטיג, צום בעדוירען, זיינט איהר גע־רעכט. ער האט זעהר ווייניג ווילענסקראפט. אבער, האט איהר דען קיינמאל ניט גערעדט מיט איהם וועגען דעם? איך מיין, זיך ערנסט איבערלייגט וועגען דעם?

באלעטא. ניין מיר האבען נאך קיינמאהל ניט גע־רעדט וועגען דעם.

ארנהאלם. עס איז צייט, איהר זאלט זיך דורכרע־דען מיט איהם וועגען דעם יעצט, ביז עס ווערט ניט צו שפעט, באלעטא. ווארום האט איהר דאס ביז יעצט פערלאזען אזוי לאנג?

באלעטא. מעגליך, דאס איך אליין האב אויך ניט גענוג ענערגיע, דאס האב איך געמווט ירשענען פון פאפא.

ארנהאלם. מעגליך, דאס איהר ווילט ניט זיין גע־רעכט געגען זיך אליין?

באלעטא. אה, ניין, צום בעדויערען. און א חוץ דעם, איז דער פאפא ניט אויפגעלעגט גענוג, ער זאל דענקען וועגען מיין צוקונפט, און אויך האט ער ניט אזא געוואלדיגען חשק צו דעם. ער רעכענט פאר בעסער אראפצוווארפען אזוינע זא־כען פון זיך. ער איז בלויז פערנומען מיט זיין עליזא'ן.

ארנהאלם. מיט וועמען? וואס?

באלעטא. איך מיין, דאס ער און מיין שטיפמוטער...

(רייסט איבער דעם געשפרעך) איהר דארפט דאך אליין פערשטעהן, דאס דער פאפא און זי לעבען נור בלויז פאר זיך.

א ר נ ה א ל ם. אט טאקי דערפאר איז בעסער, איהר זאלט קענען אוועקפאהרען פון דאנען.

ב א ל ע ט א. יא, איך גיב צו. ניר קוקענדיג אויף דעם פון אן אנדער זייט, שיינט מיר, דאס איך האב קיין רעכט דאס צו טהאן. איך האב ניט קיין רעכט צו פערלאזען דעם פאפא.

א ר נ ה א ל ם. איהר וועט דאך אבער דאס מוזען טהאן, ווען עס איז. און דארום דענק איך, אז וואס פריהער איז בעסער...

ב א ל ע ט א. יא, מיר בלייבט געוועהנליך קיין אנדער זאך צו טהאן. איך מוז דאך אויך וועגען זיך א טראכט טהאן. איך מוז דאך זיך צו עטוואס צושלאגען. וואס וועט זיין, ווען דער פאפא זאל ח"ו מעהר ניט זיין, דאן האב איך דאך קיינעם ניט אויף וועמען איך זאל מיך קענען פערלאזען; אבער מיין פאפא, מיר איז שווער, אזוי שרעקליך איהם צו פערלאזען.

א ר נ ה א ל ם. שווער? שרעקליך?

ב א ל ע ט א. יא, שרעקליך בלויז צוליעב איהם.

א ר נ ה א ל ם. אבער מיין גאט, אייער שטיפמוטער איז דאך דא! זי וועט דאך בלייבען מיט איהם!

ב א ל ע ט א. יא, דאס איז אמת. זי איז אבער אויף פיעלעס ניט פעהיג, אויף וואס די גאטזעעליגע מוטער איז געווען. עס זיינען פאראן זאכען, וועלכע זי בעמערקט גארניט, אדער זי מאכט זיך בלמרשט, דאס זי זעהט זיי ניט, אדער פשוט זי וויל קיינע געשעפטען ניט האבען. איך ווייס אליין ניט, ווי דאס צו זאגען.

א ר נ ה א ל ם. הממ... מיר שיינט, דאס איך פערשטעה אויף וואס איהר דייטעט אן.

ב א ל ע ט א. ארימער פאפא, ער האט זיך זיינע שוואכקייטען איהר אליין האט דאס געמיזט בעמערקען. ער האט גאר ניט אזוי פיעל ארבייט, ער זאל האבען מיט וואס זיין צייט צו

פערנעהמען. דעם אמת געזאגט, איז ער אליין שולדיג אין אלץ.

ארנהאלם. וואס מיינט איהר מיט דעם?

באלעטא. דער פאפא איז אימער געוועהנט צו זעהן נור פרעהליכע געזיכטער. ער זאגט, דאס אין א הויז מוז אייביג שיינען די זון און הערשען פרידען. און דערפאר גיט ער איהר אזוינע מעדיצינען, וועלכע, איך האב שטארק מורא, ברענגען איהר מעהר שאדען, ווי נוצען.

ארנהאלם. איהר מיינט דאס ערנסט?

באלעטא. יא, איך קען מיך ניט בעפרייען פון דעם געדאנק. (אויפגערעגט) אבער וועט דען זיין רעכט געהאנדעלט פון זיין זייט, ווען איך וועל שוין דא בלייבען אויף אימער? גוט איבערלייגענדיג זיך, קום איך צום שלום, דאס דער פאפא וועט כמעט גארניט געווינען דורך דעם. און איך אליין, איך האב עפעס אויך פפליכטען צו זיך, ניט אזוי?

ארנהאלם. ווייסט איהר וואס, טהייערע באלעטא, מיר וואלטען ווירקליך דאס געדאנקט מעהר ערנסט ארומריידען.

באלעטא. אה, קיין גרויסע נוצען וועט פון אונזער ריידען ניט ארויסקומען. איך בין ספעציעל בעשאפען געווארען, איך זאל פערברענגען מיין גאנצעס לעבען צוזאמען מיט די קאר־פען דא אין טייך. איך בין אין דעם כמעט ווי זיכער.

ארנהאלם. עס איז גאר ניט אזוי ווי איהר מיינט. דאס אלעס ווענדעט זיך גאר אין אייך אליין.

באלעטא. (לעבעדיג) נו, יא, אודאי?

ארנהאלם. יא, גלויבט מיר. דאס אלעס איז אין אייערע הענד.

באלעטא. הלואי, עס זאל נור זיין אזוי ווי איהר זאגט!... איהר דענקט אודאי צו זאגען א גוטווארט פאר מיר ביים פאפא?

ארנהאלם. דאס אויך. א חוץ דעם וואלט איך אבער וועלען זיך דורכריידען מיט אייך גאנץ אפענהערציג, טהייערע באלעטא.

ב א ל ע ט א. (קוקט זיך ארום לינקס) טסססס... לאזט זיי ניט מערקען, דאס מיר האבען דא גערעדט עפּעס ערנסטעס, מיר וועלען זיך שפּעטער אביסעל אומקעהרען צו אונזער גע־שפּרעך. (עליזא קומט אן. זי איז אהן א הוט, אנשטאט דעם טראגט זי א לייכטע שאל איבער'ן קאפּ).

ע ל י ז א. (מיט אן אונגאטירליכער פריילִיבקייט) דא איז גוט דא איז פּראכטפֿאלל.

א ר נ ה א ל ם. (הויבט זיך אויף פֿון פלאַין) איהר שפּאצירט אודאי אצינד ?

ע ל י ז א, יא, איך און וואנגעל האבען ניר־וואס געמאכט אַ גאנץ ווייטען און פֿרעהליכען שפּאציר. און יעצט וועלען מיר זיך אביסעל דורכפֿאהרען אין א זעגעל־שיפֿעל.

ב א ל ע ט א. ווילסט זיך אפשר צוזעצען ?

ע ל י ז א. ניין, איך דאנק דיר. איך וויל ניט זיצען.

א ר נ ה א ל ם. ווי מיר שיינט, האט דער שפּאציר זעהר גוט געווירקט אויף אייך. איהר פֿיהלט זיך זעהר גוט אויפֿגעלעגט.

ע ל י ז א. אה, איך פֿיהל זיך זעהר גוט ! איך פֿיהל זיך אזוי גליקליך ! אזוי רוהיג... אזוי רוהיג ! (זי קוקט זיך אַרום לינקס) וואס איז דאס פֿאר א גרויסע שיף, וואס געהט אהער ?

ב א ל ע ט א. (הויבט זיך אויף פֿון פלאַין און קוקט אריבער דעם פלאנקען) דאס מוז אודאי זיין די גרויסע ענגלישע שיף.

א ר נ ה א ל ם. זי פֿאהרט יעצט צום שווימענדען לייכט־טהורם. שטעלט זי זיך אימער דא אפּ ?

ב א ל ע ט א. בלויז אויף א האלבע שעה, נאכהער פֿאהרט זי ווייטער אין פיארד.

ע ל י ז א. און נאכהער, מארגען נאך, וועט זי ווידער אוועק פֿון אונז. אוועק אין דעם ברייטען, אונענדליכען ים און וועט די גאנצע צייט שווימען איבער איהם. דענקט נור, ווי גליקליך מען איז, ווען מען געפֿינט זיך אויף אזא שיף ! אך, ווען מען זאל דארטען קענען ארויפֿקומען ! מען זאל ניר קענען ארויפֿקומען.

א ר נ ה א ל ם. איך איז נאך קיינמאל ניט אויסגעקומען צו מאכען א ים־רייזע איבער א גרויסע שטרעקע, מאדאם וואנגעל?

ע ל י ז א. ניין, קיינמאל ניט. ניט רעכענענדיג די קליינע רייזען אין די פיארדען.

ב א ל ע ט א. אה, ניין. (זיפצט) מיר מיזען זיך בענוגנען מיט דער הארטער ערד.

א ר נ ה א ל ם. נו, יא, אייגענטליך דארף דאך די ערד זיין אונזער שטענדיגער וואינונגס־פלאץ.

ע ל י ז א. ניין, איך רעכען, אז עס מוז ניט זיין אזוי.

א ר נ ה א ל ם. אז וואס? דאס מיר דארפען ניט לעבען אימער אויף דער ערד?

ע ל י ז א. ניין, מיר דוכט, אז ווען די מענשען זאלען זיך געוועזן פון אנפאנג אן לערנען צו לעבען אין ים, וואלטען מיר געשטאנען אויף א פיעל העכערע שטופע פון פאלקאמענהייט. מיר וואלטען אויך געוועזן פיעל בעסער, ווי מיר זיינען און זיך געפיהלט פיעל גליקליכער.

א ר נ ה א ל ם. איהר דענקט ווירקליך אזוי?

ע ל י ז א. יא, איך וואלט וועלען וויסען, פאר וואס דאס קען ניט זיין. איך האב שוין פיעלע מאל גערעדט וועגען דעם מיט וואנגעל'ן.

א ר נ ה א ל ם. נו, און ער?

ע ל י ז א. ער דענקט אויך, אז אין דעם איז ניטא קיין אונמעגליכעס.

א ר נ ה א ל ם. (אין א שפאטיגען טאן) נו, זאל זיין, ווי איהר זאגט. דאס, וואס איז אבגעטהאן, איז פערפאלען. מיר זיינען שוין איינמאל אוועק אויף א פאלשען וועג און זיך צוגע־וואוינט לעבען אויף דעם יבשה, און ניט אין ים. און יעצט איז שוין צו שפעט צו פערריכטען דעם פעהלער.

ע ל י ז א. יא, איהר האט נור וואס ארויסגערעדט א זעהר

טרויעריגע וואהרהייט. איך דענק, דאס די מענשען שטויסען זיך שוין יעצט אן אויף דעם, דאס עס פלאגט זיי א געהיימע חרטה און א געהיימע טרויעריגקייט. גלויבט מיר דאס אין דעם אלעם ליגט פערבארגען די אורזאכע פון דער מענשליכער טרויעריגקייט. יא, יא, איהר קענט מיר זיכער גלייבען.

א ר נ ה א ל ם. אבער, מיין טהייערע מאדאם וואנגעל, איך זעה גאר ניט, דאס די מענשהייט זאל אזוי ליידען פון טרויער. פארקעהרט, מיר דוכט, דאס די מענשען קוקען אויף דעם לעבען גאנץ גרינג, אהן א שום זארג. איך גלייב דאס דער מענשהייטס הארץ, אין אלגעמיין איז גאר דורכגעדרונגען מיט א גרויסע אונבעוואוסטע פרייד.

ע ל י ז א. אה, ניין, זאגט דאס ניט. די פרייד איז געגליכען צו דער, וועלכע אונז פערשאפט א לאנגער, שעהנער זומער טאג. די שמחה, וואס א שעהנער טאג ברייננט פאר אונז, טראגט אבער מיט זיך די טרויעריגע ערינערונג וועגען דער קומענדער נאכט. אט די ערינערונג ווארפט א דונקעלען שאטען אויף דעם מענשענס פרייליכקייט, פונקט ווי א שווארצער וואלקען שוועבענדיג אין הימעל, ווארפט א שאטען אויף דעם פיארד. אט איז ער, דאכט זיך געוועזן ליכטיג, בליאסקענד און פלוצלינג...

ב א ל ע ט א. דו טארסט ניט טראכטען וועגען אזוינע טרויעריגע ערשיינונגען. ביזט דאך נור וואס געוועזן אזוי פרעהליך, אזוי מונטער...

ע ל י ז א. יא, יא, דו ביזט אודאי גערעכט. אה, דאס איז זעהר נאריש פון מיר. (קוקט זיך ארום דערשראקען) וואנגעל זאל באטש אנקומען. ער האט מיר צוגעזאגט באלד זיך אומקעהרען און דאך קומט ער נאך ניט, ער האט אודאי געמוזט פערגעסען. טהייערער הערר ארנהאלם, פיעלייכט וועט איהר אזוי גוט זיין, און איהם אויפזוכען?

א ר נ ה א ל ם. מיט דעם גרעסטען פערגעניגען.

ע ל י ז א. זאגט איהם, דאס ער זאל זיך לאנג ניט ווײלען

דארט, ער זאל באלד קומען אהער, ווייל איך קען איהם ניט זעהען.

א ר נ ה א ל ם. וואס הייסט, איהר קענט איהם ניט זעהן?

ע ל י ז א. אה, איהר פֿערשטעהט מיך ניט. ווען ער איז ניטא נעבען מיר, דאן פאסירט מיר גאנץ אפֿט, איך זאל זיך ניט קענען דערמאנען, ווי אזוי ער קוקט אויס. און דאן דוכט זיך מיר אויס, פונקט ווי איך וואלט איהם אין גאנצען פֿערלארען. דאס איז אזוי שרעקליך, אזוי שרעקליך! געהט־זשע שוין! (זי דרעהט זיך אהין און צוריק נעבען טייך).

ב א ל ע ט א. (צו ארנהאלם) איך וועל אויך מיטגעהן מיט אייך. איהר וועט איהם אליין ניט קענען געפֿונען.

א ר נ ה א ל ם. אה, פוסטע זאכען. איך וועל איהם שוין אויסזוכען.

ב א ל ע ט א. (שטיל) ניין, ניין, איך בין זעהר אונרוהיג. איך האב מורא, דאס ער איז ארויף אויף דער שיף.

א ר נ ה א ל ם. איהר האט טאקי מורא?

ב א ל ע ט א. יא, ער געהט אימער ארויף זעהן, אויב עס איז דארט ניט פֿאראן עפעס א בעקאנטער. און אזוי ווי אויף דער שיף איז דאך דא א בופֿעט...

א ר נ ה א ל ם. אזוי גאר... נו, קומט! (זיי געהן ביידע אוועק לונקס. עליזא שטעהט און קוקט זיך איין אנגעשטרענגט אין טייך אריין, זי רעדט עטוואס גאנץ שטיל צו זיך אליין. אויף דערי סטעזשקע פֿון דער אנדערער זייט פֿלאנקען בעווייזט זיך פֿון דער לינקער זייט א פֿרעמדער, אנגעטהאן ווי א רייזענדער. א ברונעט, מיט געדיכטע, לאנגע האר אויפ׳ן קאפ, מיט א שעהנע, לאנגע בארד. ער טראגט א קעפ, איבער זיינע שולטערן הענגט אויף א רימען א קליין רייזע רענצעלע).

פֿ ר ע מ ד ע ר. (ער שפאנט לאנגזאם איבער דער סטעזשקע נעבען דעם פֿלאנקען און קומט אריין אין גארטען אריין, אזוי ווי ווען ער זאל אימיצען זוכען. דערזעהענדיג עליזא׳ן, שטעלט ער זיך אפ, קוקט זיך גוט איין אין איהר, אין רעדט ארויס, ניט גאנץ הויך) גוטען אבענד, עליזא!

עליזא. (קעהרט זיך אום און שרייט אויס) אה, טהייערער, ענדליך ביזטו דא!

פרעמדער. יא, ענדליך.

עליזא. (קוקט איהם אן ערשטוינט) ווער זיינט איהר? איהר דארפט דא אימיצען?

פרעמדער. דיר דארף ניט זיין שווער צו טרעפען, ועמען איך דארף.

עליזא. (איבערראשט) וואס קומט דא פאר! וואס זאל עס בעדייטען, וואס איהר ווענדעט זיך אזוי צו מיר! וועמען זוכט איהר?

פרעמדער. עס פערשטעהט זיך — דיך.

עליזא. (ציטערט) א... (זי קוקט זיך גוט איין אין איהם, שא־קעלט זיך אזש פאר שרעק, טרעט אפ צוריק און לאזט ארויס א דומפפען געשריי) די אויגען!... די אויגען!...

פרעמדער. נו, ענדליך דערקענסטו מיך? איך האב דיך באלד דערקענט, עליזא.

עליזא. די אויגען! קוקט ניט אזוי אויף מיר! איך וועל רופען נאך הילף!

פרעמדער. טססס... שרעק זיך ניט! איך טהו דיר דאך גאר ניט.

עליזא. (פערשטעלט זיך די אויגען מיט דער האנד) קוקט ניט אזוי אויף מיר, זאג איך אייך...

פרעמדער. (שפארט זיך אן אן פלאנקען) איך בין געקו־מען מיט דער ענגלישער שיף.

עליזא. (קוקט איהם אן פון א זייט, קאסע) פאהרט! פאהרט צוריק! קומט קיינמאל מעהר אהער! איך האב דאך אייך גע־שריבען, אז אלעס איז צווישען אונז געענדיגט! אלעס, אלעס! איהר ווייסט דאך דאס!

פרעמדער. (ענטפערט איהר ניט אויף איהרע ווערטער) איך האב אודאי געוואלט קומען פריהער, נור עס איז געווען

אונמעגליך פֿאר מיר. יעצט האב איך געהאט די מעגליכקייט און איך בין געקומען, עליזא.

ע ל י ז א. וואס פֿערלאנגט איהר פֿון מיר? וואס ווילט איהר טהאן? ציליעב וואס זיינט איהר געקומען?

פֿ ר ע מ ד ע ר. דו ווייסט גאנץ גוט, דאס איך בין געקומען דיך אויעקנעהמען פֿון דאנען.

ע ל י ז א. (טרעט אפ דערשראקען) מיך אוועקנעהמען? אט דאס זיינט איהר געקומען טהאן!

פֿ ר ע מ ד ע ר. יא, פֿערשטעהט זיך.

ע ל י ז א. איהר דארפֿט אבער ניט פֿערגעסען, דאס איך בין שוין פֿערהייראטה.

פֿ ר ע מ ד ע ר. יא, איך וויים דאס.

ע ל י ז א. און דאך... און דאך זיינט איהר געקומען אהער, אום מיך פֿון דאנען אוועקצונעהמען!

פֿ ר ע מ ד ע ר. יא, געוויס.

ע ל י ז א. (כאפט זיך אן פֿאר'ן קאפּ) אה, דיזע שרעקליכע, שרעקליכע אויגען.

פֿ ר ע מ ד ע ר. דו, ווילסט דאס ניט?

ע ל י ז א. (ווילד) קוקט ניט אזוי אויף מיר!

פֿ ר ע מ ד ע ר. איך פֿרעג דאך דיך, ווילסטו, אדער ניט?

ע ל י ז א. ניין, ניין, ניין! איך וויל ניט! קיין מאהל ניט, קיינמאהל ניט! איך וויל ניט, זאג איך דאך אייך! איך וויל ניט, איך קען ניט! (שטילער) איך קען זיך ניט ערלויבען...

פֿ ר ע מ ד ע ר. (קריכט אריבער אין גארטען) נא, אויב אזוי, לאָז מיך דיר זאגען נאר איין ווארט, איידער איך פֿאהר אוועק פֿון דאנען.

ע ל י ז א. (שטעהט ווי געלעהמט, וויל און קען ניט אנטלויפֿען, שפארט זיך אן אין אנ'איבערגעבראכענעם בוים, וואס וואקסט נעבען טייך) משעפעט מיך ניט! געהט ניט צו מיר! געהט ניט נעהנטער! משעפעט מיך ניט, זאג איך אייך!

פ ר ע מ ד ע ר. (רוקט זיך פארזיכטיג צו א פאר שריט נעהנטער צו איהר) דו דארפסט ניט אזוי מורא האבען פאר מיר, עליזא.

ע ל י ז א. (פארשטעלט די אויגען מיט די הענד) קוקט ניט אויף מיר!

פ ר ע מ ד ע ר. האב ניט מורא, שרעק זיך ניט אזוי. (וואנגעל קומט אן אין גארטען פון דער לינקער זייט).

ו ו א נ ג ע ל. (ניט ווייט צווישען די בוימער) דו האסט גע־דארפט אשעהן ביסעל ווארטען אויף מיר.

ע ל י ז א. (ווארפט זיך צו איהם און כאפט איהם אן פאר'ן האנד) אה, וואנגעל, רעטע מיך! רעטע מיך, אויב דו קענסט...

ו ו א נ ג ע ל. עליזא, אים גאטעס ווילען!

ע ל י ז א. רעטע מיך, וואנגעל! דו זעהסט איהם ניט? אט שטעהט ער דאך אין גארטען!

ו ו א נ ג ע ל. (קוקט אין דער זייט) אט דער מאן? (געהט נעהנטער צו איהם) ערלויבט מיר אייך צו פרעגען... ווער זיינט איהר? און צוליעב וואס זיינט איהר אריינגעקומען אין גארטען?

פ ר ע מ ד ע ר. (ווינקט אויף עליזא'ן) איך דארף עטוואס איבעררעדען מיט איהר.

ו ו א נ ג ע ל. אה, אזוי! דאס זיינט איהר דארט געוועזן? (צו עליזא'ן) איך האב געהערט, דאס ביי אונז אין הויף האט זיך א פרעמדער מאן געפרעגט אויף דיר.

פ ר ע מ ד ע ר. יא, דאס בין איך געוועזן.

ו ו א נ ג ע ל. אויף וואס אזוינס דארפט איהר מיין פרוי? (קעהרט זיך אום צו עליזא'ן) דו קענסט איהם, עליזא?

ע ל י ז א. (ברעכט די הענד) אה, אויב איך קען איהם! יא, יא, יא.

ו ו א נ ג ע ל. (שנעל) נו?

ע ל י ז א. דאס איז ער, וואנגעל! דאס איז ער אליין! ער, וועגען וועמען...

ו ו א נ ג ע ל. וואס! וואס זאגסטו? (דרעהט זיך אום)

איהר זיינט עס דושאנסאן, וועלכער האט א מאל ?...

פ ר ע מ ד ע ר. נא... איהר מעגט מיך רופען דושאנסאן. מיר איז דאס אלץ איינס. איך רוף זיך שוין ניט מעהר אזוי.

וואנגעל. ניט אזוי ?

פ ר ע מ ד ע ר. ניין, יעצט ניט מעהר.

וואנגעל. אויף וואס דארפט איהר האבען מיין פרוי? איהר ווייסט דאך שוין, דאס דעם טהורם־אויפזעהער'ס טאכטער איז שוין פערהייראטה. און וועמען זי האט אלס מאן, דארפט איהר אויך וויסען.

פ ר ע מ ד ע ר. איך האב זיך דאס דערוואוסט שוין מעהר ווי דריי יאהר צוריק.

עליזא. (אויפמערקזאם) ווי אזוי האט איהר זיך דאס דערוואוסט ?

פ ר ע מ ד ע ר. איך בין געוועזן אויף דעם וועג צוריק צו דיר. דאמאלס איז מיר צופעליג געקומען אין האנד א צייטונג, אין וועלכער איך האב געלעזען וועגען דיין חתונה.

עליזא. (קוקט ווייט פאר זיך) פון דער הייראטה... אה, אזוי גאר...

פ ר ע מ ד ע ר. דאס האט מיך אזוי איבערראשט, ווייל דאס... מיט די רינגען... דאס איז דאך אויך געווען א זארט חתונה, עליזא.

עליזא. (פערשטעלט זיך די אויגען) אה !

וואנגעל. ווי וואגט איהר...

פ ר ע מ ד ע ר. דו האסט דען דאס פערגעסען ?

עליזא. (פיהלענדיג אויף זיך זיין בליק, שרייט) קוקט ניט אויף מיר!

וואנגעל. (שטעלט זיך צווישען זיי ביידען) איהר האט דא צו טהאן מיט מיר, און ניט מיט איהר, פערגעסט דאס ניט. אזיב אייך איז יא אלעס בעוואוסט, זאגט מיר קורץ און שארף, וואס אזוינס דארפט איהר דא ? צוליעב וואס זיינט איהר געקר־מען אהער און אויפגערעגט מיין פרוי ?

פ ר ע מ ד ע ר. איך האב פערשפראכען עליזא'ן, קומען צו איהר, ווען עס וועט נאר מעגליך זיין פאר מיר.

וואנגעל. עליזא'ן? ווידער א מאל?

פ ר ע מ ד ע ר. און עליזא האט מיר צוגעזאגט צו ווארטען אויף מיר, ביז איך וועל צוריק קומען.

וואנגעל. איך הער, דאס איהר רופט מיין פרוי בלויז ביים ערשטען נאמען. אזא גראבהייט איז ביי אונז ניט ערלויבט.

פ ר ע מ ד ע ר. איך וויים עס גאנץ גוט. אבער פאר אלעמען בעלאנגט זי דאך צו מיר...

וואנגעל. אייך! פריהער פאר אלעמען צו אייך!

ע ל י ז א. (פערבארגט זיך הינטער וואנגעל'ן) אה, ער וועט זיך קיינמאל ניט אבזאגען. פון מיר!

וואנגעל. אייך! איהר זאגט, דאס זי בעלאנגט צו אייך?

פ ר ע מ ד ע ר. האט אייך עליזא דערצעהלט וועגען די רינגען, וועגען מיין רינג און עליזא'ס?

וואנגעל. יא, נו? וואס-זשע איז? זי האט דאך געצויגען איהרווארט צוריק. איהר האט דאך ערהאלטען איהרע בריעף, ווייסט איהר דאך מסתמה.

פ ר ע מ ד ע ר. צווישען מיר און עליזא'ן איז פארגעקומען אן אבמאך. און דיזע פעראייניגונג דורך די רינגען האט די זעלבע געזעצליכע און פערפפליכטענדע מאכט ווי אייער חתונה.

ע ל י ז א. איהר הערט דאך אבער, איך וויל ניט! איך וויל מעהר וועגען אייך ניט וויסען, קיינמאל, פאר קיין זאך אין דער וועלט! קוקט ניט אזוי אויף מיר! איך וויל ניט, זאג איך דאך אייך!

וואנגעל. ביי אייך איז אודאי ניט עפעס ריכטיג אין קאפ... ווען איהר דענקט, דאס איהר האט א רעכט צו קומען אהער מיט אזעלכע פוסטע, קינדערשע נארישקייטען.

פ ר ע מ ד ע ר. דאס איז גאנץ ריכטיג. רעכטע, ווי איהר דענקט, האב איך טאקי קיינע.

װ א נ ג ע ל. טא, װאס װילט איהר? דענקט איהר ניט פיליכט זי צוצונעהמען מיט געװאלט? געגען איהר אייגענעם װילען!

פ ר ע מ ד ע ר. ניין, װאס װעט מיר דען ארויסקומען דערפון? אויב עליזא װיל געהן מיט מיר, דארף זי געהן פריי־װיליג.

ע ל י ז א. (ערשראקען) פרייװיליג!...

װ א נ ג ע ל. און דאס האט אייך געקענט קומען אויף די געדאנקען!

ע ל י ז א. (קוקט פאר זיך װייט) פרייװיליג!...

װ א נ ג ע ל. פאלגט מיך, ביי אייך אין קאפ מוז ניט זיין אלעס אין ארדנונג... געהט אייך געזונטערהייט אייער װעג. מיר האבען מעהר קיינע געשעפטען מיט אייך.

פ ר ע מ ד ע ר. (קוקט אויף זיין זייגער) אין גיכען דארף איך געהן צוריק אויף דער שיף. (מאכט א שפאן נעהנטער צו עליזא'ן) נא, יא, עליזא, איך האב מיין פפליכט געטהאן. (געהט צו נאך נעהנטער) איך האב געהאלטען מיין װארט...

ע ל י ז א. (טרעט אפ צוריק, רעדט בעטענד) טשעפעט מיך ניט!

פ ר ע מ ד ע ר. האסט צייט ביז מארגען אבענד, איבער־לעג זיך גוט, װאס דו האסט צו טהאן.

װ א נ ג ע ל. זי האט גאר ניט װאס צו איבערלעגען זיך, געהט אייך געזונטערהייט.

פ ר ע מ ד ע ר. (װענדט זיך נאך א מאל צו עליזא'ן) יעצט געה איך צוריק אויף דער שיף אין פיארד. מאָרגען װעל איך דא װייטער קומען אין אבענד. דו װעסט מיך דא ערװארטען אין גארטען. איך װאלט אבער זעהר געװאלט דערענדיגען אונזער געשפרעך, און איבערהויפט די גאנצע געשיכטע, אין קיינעמס אנװעזענהייט. האסט פערשטאנען, עליזא?

ע ל י ז א. (שטיל, דאס קול ציטערט) הערסט, װאנגעל!

וואנגעל. זיי רוהיג, איך וועל שוין זעהן ניט צוצו־לאזען אייער בעגעגעניש.

פרעמדער. דערווייל, עליזא, זיי געזונד. אלזא, מאר־גען אבענד.

עליזא. (מיט א בעטענדען טאן) אה, ניין, קומט ניט מעהר מארגען אבענד! קומט מעהר קיינמאל ניט!

פרעמדער. און אויב דו וועסט בעשליסען ביז אין דער צייט צו פאהרען מיט מיר איבער דעם ים...

עליזא. קוקט ניט אזוי אויף מיר!...

פרעמדער. אויב דו וועסט זיך בעשליסען, דאן מאך זיך פערטיג צו דער רייזע.

וואנגעל. געה אין שטוב, עליזא.

עליזא. איך האב ניט קיין כח, אה, העלף מיר! בע־שיץ מיך, וואנגעל.

פרעמדער. דארפסט זיך גוט איבערלעגען, ווייל אויב דו פאהרסט ניט מארגען מיט מיר, דאן איז אלעס געענדיגט.

עליזא. (קוקט אויף איהם, ציטערט) אלעס וועט זיין צו ענדע? אויף אייביג?

פרעמדער. (שאקעלט מיטן קאפ) דאס וועט מען מעהר ניט קענען פערריכטען, עליזא. איך וועל מעהר אהער ניט קו־מען, דו וועסט מעהר פון מיר ניט הערען, און מיך אויך קיינ־מאהל ניט זעהן. איך וועל זיין פאר דיר א פערשטארבענער, פערשווינדענדיג פון דיינע אויגען אויף אימער.

עליזא. (אטהעמט שווער) א!

פרעמדער. בעדענק זיך גוט, וואס דו האסט צו טהאן. (ער געהט צו׳ם פלאנקען און קריכט אריבער איבער איהם. אויף דער אנדערער זייט שטעלט ער זיך אפ און זאגט) עליזא, זעה מאך דיך פערטיג צו דער רייזע אויף מארגען אבענד. איך וועל קומען און דיך מיטנעהמען. (ער געהט לאנגזאם אוועק איבער דער סטעזשקע, רעכטס.)

עליזא. (קוקט איהם נאך) פרייוויליג אזוי זאגט ער! בערע־כען נור, ער זאגט, דאס איך דארף מיט איהם פאהרען פרייוויליג.

וואנגעל. זיי ניט קיין נאר. ער איז אוועק, און דו וועסט איהם מעהר ניט זעהען.

עליזא. אה, ווי אזוי קענסטו דאס גאר זאגען? ער קומט דאך מארגען אבענד נאך א מאל.

וואנגעל. זאל ער קומען, דיך וועט ער מעהר דא ניט געפינען.

עליזא. (שאקעלט טרויעריג מיט'ן קאפ) אך, וואנגעל, דענק ניט, דאס דו קענסט איהם שטערען.

וואנגעל. א, טהייערע, פערלאז זיך נור אויף מיר.

עליזא. (פערטראכט, זי הערט ניט, וואס ער זאגט) וואס וועט זיין, אויב ער וועט טאקי קומען אהער מארגען אבענד? אויב ער וועט טאקי אוועקפאהרען אויף דער שיף.

וואנגעל. יא, איז וואס.

עליזא. איך וואלט זעהר געוואלט וויסען, אויב ער וועט טאקי מעהר קיינמאל ניט קומען אהער?

וואנגעל. ניין, טהייערע עליזא, מעגסט זיין רוהיג וועגען דעם. נאך דעם אלעם, וואס קען ער נאך דא האבען צו טהאן? ער האט דאך פון דיין אייגענע מויל געהערט, דאס דו ווילסט איהם מעהר ניט קענען. מיט דעם איז אלעם צו ענדע.

עליזא. (קוקט ווייט) אלזא, מארגען, אדער מעהר קיין מאל ניט.

וואנגעל. ווען איהם זאהל זיך אפילו נאך א מאל פערגליסטען קומען אהער...

עליזא. (גייגעריג) נו, איז וואס?

וואנגעל. דאן קענען מיר איהם דאך מאכען אונשעדליך.

עליזא. אה, טראכט ניט וועגען דעם.

וואנגעל. דאס איז אין אונזערע הענד, זאג איך!

אויב דו וועסט פֿון איהם ניט קענען פּטור ווערען, דאן לאזען מיר איהם פֿערהאלטען אלס דעם מערדער פֿון קאפּיטאן.

ע ל י ז א. (שנעל) ניין, ניין, ניין! פֿאר קיין פֿאל; מיר ווייסען קיין זאך וועגען דעם קאפּיטאנס מערדער! קיין זאך ווייסען מיר ניט!

װ א נ ג ע ל. וואס הייסט, מיר ווייסען ניט! ער האט דאך זיך אליין מודה געווען פֿאר דיר!

ע ל י ז א. ניין, קיין ווארט מעהר וועגען דעם! אייב דו ווֶעסט עפּעס דערמאנען וועגען דעם, דאן וועל איך אלעס אפּ־לייקענען. איהם דארף מען ניט פֿערשפּארען אין געפֿענגניס! זיין פּלאץ איז אויף דער פֿרייהייט, אין ווייטען, ברייטען ים. דארט איז זיין פּלאץ.

װ א נ ג ע ל. (קוקט אויף איהר, רעדט לאנגזאם) אך, עליזא, עליזא!

ע ל י ז א. (דריקט זיך שטארק צו איהם) אה, טהייערער, ליעבער, רעטע מיך פֿון דעם מאן!

װ א נ ג ע ל. (בעפֿרייט זיך לייכט פֿון איהרע הענד) קום! קום מיט מיר! (לינגסטראן, און הילדא, ביידע מיט די ווענדקעס, קומען אן פֿון דער רעכטער זייט נעבען טייך).

ל י נ ג ס ט ר א ן. (איילט זיך אנטקעגען צו עליזאן) נא, פֿרוי, איהר וועט יעצט הערען עפּעס מערקווירדיגעס!

װ א נ ג ע ל. וואס איז אזוינס?

ל י נ ג ס ט ר א ן. שטעלט אייך פֿאר, מיר האבען דא נור וואס נור געזעהען אן אמעריקאנער!

װ א נ ג ע ל. אן אמעריקאנער?

ה י ל ד א. יא, איך האב איהם אויך געזעהן.

ל י נ ג ס ט ר א ן. ער האט זיך פֿארקערעוועט פֿון גאר־טען, און זיך געלאזט געהן צו דער ענגלישער שיף.

װ א נ ג ע ל. פֿון וואנען קענט איהר איהם?

ל י נ ג ס ט ר א ן. איך האב א מאל געדיענט צוזאמען

מיט איהם אויף א שיף. איך האב אבער גערעכענט, דאס ער איז דערטרונקען געווארען. און דא זעה איך איהם גאר פריש און געזונד.

וואנגעל. וואס ווייסט איהר נאך עפעס וועגען איהם?

לינגסטראן. ער איז אודאי געקומען נעהמען ראכע פון זיין פאלשער פרוי.

וואנגעל. וואס זאגט איהר.

הילדא. הערר לינגסטראן וויל זיך בענוצען מיט איהם פאר זיין ערשטע קונסטווערק.

וואנגעל. איך פערשטעה ניט א ווארט.

עליזא. דו וועסט אלעס וויסען. (ארנהאלם און באלעטא קומען אן פון דער רעכטער זייט, אויף דער סטעזשקע פון יענער זייט פלאנקען).

באלעטא. (ווענדעט זיך צו די שטעהענדע אין גארטען) קומט אהער! די ענגלישע שיף געהט אפ פון פיארד. (פון ווייטען געהט דורך א גרויסע דאמפף־שיף).

לינגסטראן. (צו הילדא'ן וועלכע שטעהט אנגעשפארט אן פלאנקען) היינט ביי נאכט וועט ער זיכער קומען צו איהר.

הילדא. שאקעלט מיט'ן קאפ) צו דער פאלשער פרוי, אה, יא. געוויס.

לינגסטראן. בערעכענט נור, פונקט אין האלבע נאכט.

הילדא. מיר שיינט, אז דאס דארף זיין זעהר אינטערעסאנט.

עליזא. (קוקט נאך דער שיף) אלזא מארגען...

וואנגעל. און נאכהער קיינמאהל מעהר.

עליזא. (שטיל, דאס קול ציטערט ביי איהר) אה, וואנגעל, רעטע מיך פון מיר זעלבסט!

וואנגעל. (קוקט אויף איהר דערשראקען) עלידא! איך פאנג אן דאס אלעס בעגרייפען, דא ליגט עטוואס פערבארגען.

עליזא. דא איז פערבארגען דער איינפלוס פון ים.

וואנגעל. פון ים?

עליזא. דיזער מאן איז געגליכען צום ים. (זי געהט לאנגזאם און פערטראכט אוועק דורך דעם גארטען אין דער לינקער זייט. וואנגעל, א צוטראגענער געהט איהר נאך, און קוקט זי אן פארשענדיג).

(פארהאנג).

פיערטער אקט.

א זאל אין דר. וואנגעל'ס הויז. רעכטס און לינקס צוויי טירען. אין דער וואנד אַנטקעגען דעם פובליקום אַ גלעזערנע טיר, וואס פיהרט אויף דעם באלקאן,ביידע זייטען צו פענסטער. דורך דער טיר, וואס פיהרט אויף דעם באַלקאן זעהט זיך א שטיק פון גאָרטען. לינקס אין זאל שטעהט א זאפא, נעבען דעם א טיש, רעכטס א פיאַנע, טיפער אין צימער אַריין א בלומען־טישעלע מיט בלומען. אין דער מיט שטוב אַ רונדער טיש מיט שטוהלען. אויפ'ן טיש אַ באסקעט מיט פרישע ראזען, ארומגעשטעלט מיט נאך בלומען אין טעפלאך. עס איז אין דער פריה. באלעטא זיצט אויף דער זאפא און נעהט עטוואס אויס. לינגסטראן זיצט נעבען איהר אויף א שטוהל. אין גארטען זעהט מען זיצען באלעסטעדען און מאהלט. הילדא שטעהט נעבען איהם און קוקט זיך איין אין דעם בילד.

ל י נ ג ס ט ר א ן. (זיצט אנגעשפארט מיט די הענד אויפ'ן טיש, יצט שטיל א מינוט און קוקט זיך איין ווי באַלעטא נעהט) עס דארף זיין זעהר שווער אויסצונעהען אזוינע קוויטען, פריילין באלעטא.

ב א ל ע ט א. אה, ניין, דאס איז ניט אזוי שווער, אויב מען צעהלט נור ריכטיג.

ל י נ ג ס ט ר א ן. איהר דארפט דען אויך צעהלען?

ב א ל ע ט א. יא, די שטעך. איהר זעהט.

ל י נ ג ס ט ר א ן. ריכטיג, יא! זאגט מיר נור, איך בעט אייך, דאס איז דאך, ווען מען בעטראכט עס נור גוט, א קונסט. קענט איהר אויך צייכענען?

ב א ל ע ט א. אה, יא, אבער בלויז נאכקאפירען.

ל י נ ג ס ט ר א ן. קיין אנדער זאך ניט?

ב א ל ע ט א. ניין, קיין אריגינעלעס.

ל י נ ג ס ט ר א ן. דאס איז אבער ניט די ריכטיגע קונסט.

ב א ל ע ס ט א. ניין, דאס איז פשוט אזא געוואהנהייט.

ל י נ ג ס ט ר א ן. איך גלויב אבער, דאס איהר וואלט זיך געקענט אויסלערנען אויך אמת׳ע קונסט.

ב א ל ע ס ט א. אפילו ווען איך האב ניט קיין טאלאנט?

ל י נ ג ס ט ר א ן. ווען איהר וואלט זיך אימער געפונען אין דער געזעלשאפט פון אן אמת׳ן קינסטלער.

ב א ל ע ס ט א. איהר דענקט, דאס איך וואלט געווען אים־שטאנד צו לערנען פון איהם?

ל י נ ג ס ט ר א ן. איהר וואלט זיך ניט געלערענט, ווי עס לערנט א קליין קינד. איך גלויב אבער, דאס עס וואלט פון זיך אליין איבערגעגאנגען צו אייך, גאנץ לאנגזאם, ביסלעכווייז, פונקט ווי דורך א נס, פרייליין וואנגעל.

ב א ל ע ס ט א. דאס וואלט ווירקליך געווען א וואונדער.

ל י נ ג ס ט ר א ן. (נאך א רגע שווייגען) האט איהר ווען עס איז געטראכט... איך מיין... האט איהר ווען נאכגעדענקט וועגען הייראטען, פרייליין?

ב א ל ע ס ט א. (קוקט איהם אן שארף) וועגען הייראטען?... ניין.

ל י נ ג ס ט ר א ן. איך יא.

ב א ל ע ס ט א. אזוי גאר? ווירקליך?

ל י נ ג ס ט ר א ן. זיכער... איך טראכט זעהר אפט וועגען אזוינע זאכען. איבערהויפט וועגען הייראטען. איך האב אויך גע־לעזען איינינע ביכער וועגען דעם. מיר שיינט, דאס אויף דער הייראטה דארף מען קוקען אייניגערמאסען ווי אויף א וואונדער, ווייל די פרוי, פערבינדענדיג זיך מיט א מאן, בייט זיך לאנג־זאם איבער אין ווערט אם ענדע זעהר עהנליך צו איהם.

ב א ל ע ס ט א. איהר מיינט געוויס, דאס זי ווערט דורכ־עדרונגען מיט זיינע אינטערעסען?

ל י נ ג ס ט ר א ן. יא, אזוי.

באלעטא. נו, און זיינע קענטניסע, זיינע פעהיגקייטען און נייגונגען נעהמט זי אויך איבער?

לינגסטראן. הממ... יא, איך דענק דאס אויך.

באלעטא. איהר וועט אפשר אויך זאגען, אז אלעס, וואס דער מאן האט זיך ערוואָרבען דורך לעזען, דורך נאכדענקען וועגען פיעלעס, אז דאס אלעס געהט אויך איבער צו איהר?

לינגסטראן. דאס אויך, יא, בישלעכווייז, ווי דורך א וואונדער. איך רעכען אבער, אז אזוינע זאכען קענען נור פאסירען דאן, ווען די פאר ליעבען זיך זעהר שטארק און ערגעבען, און איבערהויפט, ווען זיי פיהלען זיך ביידע גליקליך.

באלעטא. איז אייך גאר קיינמאל ניט געקומען אין די געדאנקען, אז דאס אלעס קען אויך פארקומען פערקעהרט, דאס אויך דער מאן קען ווערען בעאיינפלוסט דורך זיין פרוי? איך מיין, ער זאל ווערען עהנליך צו איהר?

לינגסטראן. דער מאן? ניין, וועגען דעם האב איך קיינמאל ניט נאכגעדענקט.

באלעטא. פאר וואס ניט? איהר אליין גיט דאך צו, אז עס קען אזוי פאסירען מיט דער פרוי?

לינגסטראן. ניין, ווייל דער מאן איז אין לעבען בערופען צו א געוויסער אויפגאבע, צוליעב וועלכער ער דארף און מוז לעבען. אין דאס מאכט דעם מאן פאר אזא שטארקען, אזא פעסטען, פרייליין וואנגעל. ער איז בערופען צו איין אויפגאבע אין לעבען.

באלעטא. יעדער מאן, פון ערשטען ביז דעם לעצטען?

לינגסטראן. אה, ניין. איך מיין דערמיט הויפטזעכליך נור דעם קינסטלער.

באלעטא. דענקט איהר. דאס א קינסטלער האנדעלט ריכטיג דערמיט, וואס ער הייראטה?

לינגסטראן. יא, אבי ער בעגעגענט נור אזא פרוי, וועלכע ליעבט איהם אויפריכטיג, דאן...

באלעטא. אלעס איינס, איך גלויב, דאס א קינסטלער דארף בלויז לעבען פאר זיין קונסט.

לינגסטראן. יא, געוויס. אבער דאס וועט איהם אויך זיין לייכט צו טהאן, ווען ער וועט זיין פערהייראטה.

באלעטא. נו, און זי?

לינגסטראן. זי? ווער?

באלעטא. די פרוי, מיט וועלכער ער הייראטה, צו־ליעב וואס דארף זי לעבען?

לינגסטראן. זי דארף אויך לעבען פאר זיין קונסט. מיר שיינט, דאס זי דארף זיך פיהלען איבערגליקליך מיט דעם.

באלעטא. הממ... איך ווייס ניט ריכטיג...

לינגסטראן. יא, פריילין, גלויבט מיר. איך רעד דא ניט בלויז וועגען דער עהרע און אכטונג, וואס זי האט דורך איהם. מיט דעם דארף מען זיך רעכענען אמווייניגסטען. נור דאס, וואס זי האט די מעגליכקייט איהם ארויסהעלפען אין זיין שעפפונג, פערלייכטערען איהם, זייענדיג אימער נעבען איהם, און זארגענדיג זיך, ווי אזוי איהם מאכען אנגענעהמער און זי־סער זיין לעבען. דאס, דענק איך, דארף פאר איהר זיין א וואה־רעם גליק.

באלעטא. איהר, איהר בעמערקט גאר ניט, וואס פאר א גרויסער עגאאיסט איהר זיינט!

לינגסטראן. איך... עגאאיסט... גרויסער גאט!... אך, איהר זאלט מיר נור בעסער א ביסעל קענען... (בויגט זיך איין נעהנטער צו איהר) פריילין וואנגעל, ווען איך וועל דא מעהר ניט זיין... די צייט איז דאך אזוי נאהענט...

באלעטא. (קוקט אויף איהם מיט מיטלייד) אך, וואס קומען גאר אייך אזוינע געדאנקען אין קאפ אריין!

לינגסטראן. ווי זיינען, שיינט מיר, גאר ניט אזוי טרויעריג.

באלעטא. וואס ווילט איהר דען דערמיט זאגען?

ל י נ ג ס ט ר א נ. איך פאהר דאך אוועק פון דאנען אין א מאנאט א־יום. פריהער פאהר איך בלויז אוועק פון דאנען אין נאכהער, שפעטער זאל איך אוועקפאהרען אין די זידליכע לענדער.

ב א ל ע ט א. אה, אזוי גאר... פערשטעהט זיך.

ל י נ ג ס ט ר א נ. וועט איהר דא דענקען וועגען מיר, פריילין?

ב א ל ע ט א. יא, געוויס וועל איך.

ל י נ ג ס ט ר א נ. (דערפרעהט) ניין, זאגט איהר דאס מיר צו?

ב א ל ע ט א. יא, איך זאג עס אייך צו.

ל י נ ג ס ט ר א נ. זאגט איהר דאס ערנסט, פריילין באלעטא?

ב א ל ע ט א. יא, ערנסט אין הייליג. (בייט איבער דעם טאן) אבער וואס וועט אייך ארויסקומען דערפון? דאס וועט דאך סיי ווי צו גארניט פיהרען.

ל י נ ג ס ט ר א נ. ווי שעהמט איהר אייך ניט אזוי צו רעדען? מיר וועט זיין אזוי אנגענעהם צו וויסען, דאס איהר דא אין דער היים דענקט וועגען מיר.

ב א ל ע ט א. גוט, אבער וואס ווייטער?

ל י נ ג ס ט ר א נ. וואס ווייטער וועט זיין, ווייס איך אליין ניט.

ב א ל ע ט א. איך ווייס אויך ניט, עס איז מיר אזוי שווער... די גאנצע וועלט, דוכט מיר, איז געגען דעם...

ל י נ ג ס ט ר א נ. מעגליך, אז אלעס וועט זיך איבער־דרעהען, עס וועט פאסירען א נס אדער עטוואס עהנליכעס... איהר ווייסט איך גלויב, דאס איך בין געבוירען אין זעהר א מזל דיגער שעה.

ב א ל ע ט א. (לעבעדיג) יא, ווירקליך! איהר גלויבט טאקי אין דעם?

ל י נ ג ס ט ר א נ. יא, איך גלויב זעהר פיעל אין דעם. און ווען אין עטליכע יאהר ארום וועל איך קומען צוריק אלס א בעוואוסטער סקולפטאר, רייך אין פאלקאמען געזונד...

ב א ל ע ט א. יא, יא, זיכער, מען דאַרף האָפען דאָס עס וועט אזוי זיין.

ל י נ ג ס ט ר א ן. איהר קענט זיין זיכער וועגען דעם. איהר אליין אבער זאלט נור ניט פערגעסען אין מיר, ווען איך וועל זיין אין די זיד־לענדער. געדענקט, איהר האט מיר געגעבען אייער ווארט צו טראכטען וועגען מיר.

ב א ל ע ט א. יא, דאָס איז וואהר. (שאקעלט מיט דעם קאָפּ) נור דאָך גלויבט זיך מיר ניט, דאָס עס זאָל עפּעס ארויסקומען דערפון.

ל י נ ג ס ט ר א ן. יא, פריילין באלעטא, דאס וועט זעהר פיעל פערלייכטערען מיין ארבייט, איך וועל קענען גיכער ענדיגען מיין ווערק.

ב א ל ע ט א. איהר דענקט ווירקליך אזוי?

ל י נ ג ס ט ר א ן. יא, מיין הארץ זאגט עס מיר. מיר שיינט, דאס אייך וואלט דא אויך געדאַרפט בעגייסטערן א געהויבענעם געפיהל, דאס איהר העלפט מיר אונבעוואוסטערהייט ארויס.

ב א ל ע ט א. (קוקט אויף איהם) נו, און איהר, איהר פון אייער זייט?

ל י נ ג ס ט ר א ן. איך?

ב א ל ע ט א. (קוקט ארויס אין גארטען) טסס... לאמיר בעסער רעדען וועגען עטוואס אנדערש, דער פראָפעסאר געהט אהער. (פּראָפעסאר ארנהאלם בעוויזט זיך אין גארטען, לינקס, ער שטעלט זיך אפּ נעבען באלעסטעדען און הילדאין און פאנגט אן א געשפּרעך מיט זיי).

ל י נ ג ס ט ר א ן. ליעבט איהר אייער געוועזענעם לעהרער, פריילין באלעטא?

ב א ל ע ט א. איהר פרעגט, צו איך ליעב איהם?

ל י נ ג ס ט ר א ן. יא, איך מיין, איהר זיינט זעהר אויפגעלעגט צו איהם?

ב א ל ע ט א. אה, יא, זיכער. איך שעץ זעהר זיין פריינדשאפט צו מיר און זיינע קלוגע עצות. א חוץ דעם

איז ער אימער בעררייט מיר צו העלפען מיט וואס ער קען נור.

ל י נ ג ס ט ר א ן. איז דאס ניט מערקווירדיג, וואס ביז יעצט האט ער נאך ניט חתונה געהאט.

ב א ל ע ט א. ביי אייך איז דאס מערקווירדיג?

ל י נ ג ס ט ר א ן. יא, מען זאגט דאך, דאס ער איז א פערמעגליכער מענש.

ב א ל ע ט א. מעגליך, דאך דענק איך, דאס איהם וואלט ניט אזוי לייכט אנגעקומען צו געפינען א פאסענדע פרוי פאר זיך.

ל י נ ג ס ט ר א ן. פאר וואס?

ב א ל ע ט א. ווייל אלע מיידלעך, וואס ער קען, זיינען דאך געוועזן זיינע שילערינען. ער זאגט דאס אליין.

ל י נ ג ס ט ר א ן. יא, טא איז וואס?

ב א ל ע ט א. מיין גאט! מען קען דאך ניט הייראטען פאר א מאן, וואס איז געוועזן אייער לעהרער.

ל י נ ג ס ט ר א ן. דענקט איהר ווירקליך, דאס א יונגע מיידעל קע זיך ניט איינליעבען אין איהר לעהרער?

ב א ל ע ט א. נאכדעם, ווי זי איז אויסגעוואקסען? ניין!

ל י נ ג ס ט ר א ן. ניין... אזוי דענקט איהר!

ב א ל ע ט א. (האלט איהם אפ) שא, שא, שא... (באלעסטעד נעהמט צוזאמען זיינע מאהלגעציייג און געהט אוועק אין גארטען. רעכטס. הילדא העלפט איהם זיי טראגען. ארנהאלם געהט ארויף אויף דעם באלקאן און געהט אריין אין הויז).

א ר נ ה א ל ם. גוט מא־גען, מיין טהייערע באלעטא. גוט מארגען, הערר, הערר... הממ!... (אונצופריעדען, שאקעלט מיט דעם קאפ צו לינגסטראן, וועלכער הויבט זיך אויף פון זיין פלאץ).

ב א ל ע ט א. (הויבט זיך אויף פון פלאץ) גוט מארגען, הערר פראפעסאר.

א ר נ ה א ל ם. וואס הערט זיך עפעס היינט ביי אייך?

ב א ל ע ט א. איך דאנק אייך זעהר, אלעס גוט.

אַ ר נ ה א ל ם. איז אייער שטיפמוטער אויך היינט גע־גאנגען זיך באָדען ?

ב א ל ע ט א. ניין, זי איז אויבען ביי זיך אין צימער.

א ר נ ה א ל ם. זי פיהלט זיך דען קראנק ?

ב א ל ע ט א. איך וויים ניט, זי האט זיך פערמאכט ביי זיך אין צימער.

א ר נ ה א ל ם. הממ... ווירקליך ?

ל י נ ג ס ט ר א נ. מאדאם וואנגעל מוז אודאי זיין צורו־דערט איבער דעם אמעריקאנער, וואס זי האט נעכטען געזעהן.

א ר נ ה א ל ם. פון וואנען ווייסט א י ה ר דאס ?

ל י נ ג ס ט ר א נ. איך האב אליין דערצעהלט דער מאדאם, דאס איך האב איהם געזעהן פארבייגעהן נעבען גארטען.

א ר נ ה א ל ם. אח, אזוי!

ב א ל ע ט א. (צו ארנהאלם) איהר האט נעכטען אבענד גאנץ שפעט פערבראכט מיט'ן פאפא.

א ר נ ה א ל ם. יא, ווירקליך שפעט. מיר האבען איבער־געדענקט וועגען א זעהר וויכטיגע פראגע.

ב א ל ע ט א. איז אייך אויך פיליכט געלונגען צו רעדען עפעס וועגען מיר ?

א ר נ ה א ל ב. ניין, טהייערע באלעטא. עס איז מיר ניט געלונגען. ער איז יעצט אין גאנצען אריינגעטאן גאר אין אן'אנ־דער זאך.

ב א ל ע ט א. (זיפצט) אך... יא... דאס איז שוין א'מער אזוי.

א ר נ ה א ל ם. (קוקט אויף איהר) מיר וועלען דאס היינט אליין מעהר בעשפרעכען... וואו איז ערגעץ אייער פאטער, איז ער אפשר גאר אין דער היים ניטא ?

ב א ל ע ט א. ער איז אין דער היים. ער מוז אודאי זיין אין עמפפאנגס־צימער. איך געה איהם גלייך רופען אהער.

א ר נ ה א ל ם. ניין, איך דאנק אייך זעהר, בעמיהט

איך ניט. איך וועל בעסער אליין געהן צו איהם.

ב א ל ע ט א. (קעהרט אום דעם קאפ אין דער לינקער זייט און הערט זיך איין) ווארט, הערר פראפעסאר, מיר דוכט, דאס ער קומט יעצט ארונטער פון די שטיגען. יא, דאס איז ער. ער האט געמוזט זיין אויבען, זעהן, וואס זי מאכט. (דר. וואנגעל קומט אריין דורך דער טיר פון דער לינקער זייט).

וואנגעל. (גיט די האנד ארנהאלם) א טהייערער פריינד, איהר זיינט לייבט וועלען מיר געהן אין גארטען א ביסעל. גוט וואס איהר זיינט געקומען אזוי פריה, איך וויל זעהר מיט אייך זיך דורכרעדען.

באלעטא. (צו לינגסטראן) פיליבט וועלען מיר געהן אין גארטען א ביסעל, צו הילדא'ן?

לינגסטראן. אה, יא, דאס וועט מיר פיעל פערגעניגען פערשאפען, פריילין. (זיי לאזען זיך ביידע אוועק אין גארטען און פערשווינדען צווישען די בוימער).

ארנהאלם. (בעגלייטענדיג מיט בליקען באלעטא'ן, ווענדט זיך צו וואנגעל'ן) וואס ווייסט איהר עפעס וועגען דעם יונגען מאן?

וואנגעל. איך ווייס כמעט גאר ניט.

ארנהאלם. קומט דאס אייך ניט אויס פערדעכטיג, וואס ער דרעהט זיך אימער ארום די קינדער?

וואנגעל. ווירקליך? איך מוז זיך מודה זיין, דאס איך האב דאס גאר ניט בעמערקט.

ארנהאלם. איך רעכען, דאס איהר וואלט אייך געמעגט ארומקוקען א ביסעל.

וואנגעל. יא, איהר זיינט טאקי גערעכט. אבער מיין גאט, וואס קען איך, אונגליקליכער, טהאן? די קינדער זיינען אזוי געוואהנט צו האבען די פולע פרייהייט. זיי פאלגען ניט מיך ניט עליזא'ן.

ארנהאלם. איהר פאלגען זיי אויך ניט?

וואנגעל. ניין. איך קען אפילו ניט פאדערן, זי זאל

זיך גאר אריינמישען אין אזעלכע זאכען. דאס איז גאר ניט אין איהר נאטור. (בייט איבער דעם געשפרעך) מיר האבען דאך גאר געוואלט רעדען עטוואס אנדערש. זאגט מיר, האט איהר ניט נאכגעדענקט וועגען דעם, וואס איך האב אייך מיטגעטהיילט?

ארנהאלם. איך האב די גאנצע צייט זייט נעכטען וועגען קיין אנדער זאך ניט געקענט דענקען.

וואנגעל. וואס דענקט איהר, קען מען דא טהאן?

ארנהאלם. טהייערער דאקטאר, איך רעכען, דאס איהר, אלס דאקטאר, דארפט עס גיכער וויסען.

וואנגעל. אה, איהר זאלט נור וויסען, ווי שווער עס איז א דאקטאר צו אורטהיילען איבער א קראנקען, ועמען ער האט ליעב מיט זיין לייב און זעלע! דאס איז דאך אויך חוץ אלעמען, ניט קיין געוועהנליכע קראנקהייט. דא קען קיין דאקטאר מיט געוועהנליכע מיטלען גאר ניט העלפען.

ארנהאלם. ווי פיהלט זי זיך היינט?

וואנגעל. איך געה נור וואס פון איהר, זי צייגט אוים צו זיין גאנץ רוהיג. אין איהרע אלע פיהלונגען ליגט אבער בעהאלטען עטוואס, וואס איך קען זיך ניט ערקלעהרען. אין א חוץ דעם ביזט זי זיך אזוי גרינג איבער. זי האט אזוינע פלעצליכע איבערגעננגע.

ארנהאלב. דאס מוז אודאי קומען פון איהר גייסטיג־קראנקען צושטאנד.

וואנגעל. ניט נור פון דעם אליין. אויב מען זאל נור גרינדליך זוכען, דאן קען מען זעהען, דאס עס איז אזא איינגע־בוירענע אייגענשאפט. עליזא איז א קינד פון ים. אט דאס איז די גאנצע זאך.

ארנהאלם. וואס מיינט איהר מיט דעם, טהייערער דאקטאר?

וואנגעל. האט איהר נאך קיינמאל ניט בעמערקט, דאס די מענשען, וואס וואהנען ביים ים, זיינען פערשיעדען פון

אלע אנדערע מענשען, פונקט ווי א פאלק פאר זיך זעלבסט. זיי מאכען מיט דאס לעבען פון ים. אין זייערע געדאנקען און געפיהלען הערט זיך דאס רוישען פון די וועללען. ביי זיי פאסירט אויך א זארט „עבבע און פלוט”. קיינמאל זאלט איהר זיי ניט איבערזעצען אויף אן אנדער באדען! דאס אלעס האב איך פריהער געדארפט בערעכענען, איך האב געמאכט א גרויסען פעהלער געגען עליזא'ן, אברייסענדיג זי פון איהר היימאטה, צווינגענדיג זי זיך איבערקלייבען אהער!

א ר נ ה א ל ם. איהר זייט יעצט געקומען צו אזא מיינונג?

ו ו א נ ג ע ל. יא, איך איבערצייג זיך אין דעם אלץ מעהר און מעהר. איך האב דאס אלעס נאך פריהער געוואוסט. איך האב דאס אבער אוועקגעמאכט מיט דער האנד. איך האב זי דאך אזוי ליעב געהאט! דערפאר טאקי האב איך פריהער פון אלעס געטראכט וועגען זיך. וואס פאר אן עגאאיסט איך בין געווען די גאנצע צייט!

א ר נ ה א ל ם. הממ... יעדער מענש איז אין אזוינע פעלע עגאאיסטיש. כאטש אין אייך האב איך דאס קיינמאל ניט בעמערקט, דאקטאר וואנגעל.

ו ו א נ ג ע ל. (געהט אום אונרוהיג איבער דעם צימער) אך, וואס רעדט איהר! אויך נאכהער בין איך געווען א שרעקליכער עגאאיסט. בערעכענט נור אויף וויפיעל איך בין עלטער פון איהר! עס פאסט מיר דאך שוין צו זיין איהרער א פאטער און וועג־ווייזער. איך האב געדארפט טהאן אלעס מעגליכעס צו ענטוויקלען איהר גייסט, אריינברייגנען מעהר ליכט, מעהר אויפקלעהרונג אין איהרע געדאנקען. צום בעדויערען אבער האב איך דאס ניט געטהאן. איך האב קיין מוטה געהאט פאר דעם! און אויסער דעם איז זי מיר געפעלען פונקט אזוי ווי זי איז. דערווייל איז אלעס געווארען ערגער און ערגער, און איך האב אין דער צייט זיך געבראכען דעם קאפ, ניט וויסענדיג, וואס אזוינס אויסצוטראכטען. (שטילער) דערפאר האב איך

דאך אייך געשריבען, איהר זאלט קומען אהער.

א ר נ ה א ל ם. (קוקט איהם אן פערוואונדערט) וואס אזוי גאר! צוליעב דעם צוועק האט איהר מיך גערופען אהער?

וו א נ ג ע ל. יא. לאזט איהר אבער ניט מערקען וועגען דעם.

א ר נ ה א ל ם. אום גאטעס ווילען, טהייערער דאקטאר, וואס אייגענטליך פאר א נוצען האב איך געקענט ברענגען מיט מיין קומען? איך קען דאס ניט פערשטעהן.

וו א נ ג ע ל. גאנץ פראסט, איהר קענט דאס ניט פער־שטעהן. דא איז שולדיג א פאלשער חשד, וואס איך האב געהאט. איך האב געגלויבט, דאס עליזא'ס הארץ האט א מאל בעלאנגט צו אייך, און איך האב גערעכענט, דאס אין געהיים ליעבט זי אייך נאך יעצט אויך. דערפאר האב איך געטראכט, דאס עס וועט זעהר גוט זיין, איהר זאלט זיך זעהן מיט איהר, זיך דורכ־רעדען מיט איהר וועגען די אלטע פערגאנגענע צייטען, וועגען איהר אמאליגער היימאטה.

א ר נ ה א ל ם. האט איהר פערדעכטיגט, ווען איהר האט מיר געשריבען, דאס אייער פרוי זאל מיך וועלען זעהן, און אויך נאך מעגליך פיהלען א בענקשאפט נאך מיר?

וו א נ ג ע ל. נו, געוויס. ווער דען, אויב ניט איהר?

א ר נ ה א ל ם. (שנעל) ניין, ניין, איהר האט רעכט. איך האב אייך ניט פערשטאנען ריכטיג.

וו א נ ג ע ל. גאנץ נאטירליך. איך האב דאך אייך גע־זאגט, דאס איך בין געפאלען אויף א פאלשען חשד.

א ר נ ה א ל ם. און איהר זאגט נאך, דאס איהר זיינט אן עגאאיסט.

וו א נ ג ע ל. אה, איך האב דאך געדארפט אויסקויפען אזא שרעקליכע זינד. מיר האט זיך גערוכט, דאס איך טאר ניט קוקען אויף קיין שום אבהאלט, אויב עס איז נאר דא א מי־טעל עטוואס איהר צו פערלייכטערען איהרע גייסטיגע לייד־ען.

א ר נ ה א ל ם. ווי אזוי ערקלעהרט איהר זיך דעם איינפֿלוס, וואס דער פֿרעמדער האט אויף איהר?

וו א נ ג ע ל. המם... טהייערער פֿריינד, אין דער פֿראגע ליגען פֿערבארגען אזוינע זאכען, וואס לאזען זיך ניט ערקלעהרען.

א ר נ ה א ל ם. איהר ווילט זאגען, דאס זיי זיינען אונפֿערשטענדליך?

וו א נ ג ע ל. יעדענפֿאלס ניט יעצט. יעצט זיינען זיי געוויס ניט צום ערקלעהרען.

א ר נ ה א ל ם. גלויבט איהר אין אזוינע זאכען?

וו א נ ג ע ל. איך גלויב ניט אין זיי. איך לייקען זיי אבער ניט אפּ. איך וויים ניט, און דערפֿאר פּרוביר איך גאר ניט זיי ערקלעהרען זיך.

א ר נ ה א ל ם. יא, זאגט מיר אבער, איך בעט אייך, וואס בעריימעט איהר ווילדע בעשטעטיגונג דאס, יאקבי, דעם קינד'ס אויגען...

וו א נ ג ע ל. (אויפגערעגט) אין דעם גלויב איך ניט! איך וויל גאר ניט גלויבען אין דעם! דאס איז פשוט אן איינבילדונג ביי איהר אזעלבע, ניט אנדערש.

א ר נ ה א ל ם. האט איהר אויפֿמערקזאם בעטראכט זיינע אויגען?

וו א נ ג ע ל. יא, געוויס.

א ר נ ה א ל ם. האט איהר עפעס אויסגעפֿונען אן עהנליכקייט?

וו א נ ג ע ל. גאט מיינער. וואס קען איך אייך ענטפֿערען אויף דעם? ווען איך האב איהם געזעהן איז שוין געווען נאכט, און א חוץ דעם אלעמען, האט מיר עליזא אזויפֿיעל אנדערצעהלט וועגען דער עהנליכקייט... דאס איך ווייס גאר ניט, אויב איך וואלט אימשטאנדע געווען צו אורטהיילען אונפּארטייאיש.

א ר נ ה א ל ם. יא, דאס, קען זיין, איז ריכטיג. נו, און

וועגען דער אנרעדער פאסירונג ? וועגען דעם פחד, וואס איז אויף איהר אנגעפאלען פונקט דאן, ווען ער איז געפאהרען צוריק צו איהר ?

וואנגעל. יא, זעהט איהר, דאס איז אויך א זאך, וואס איז בעשאפען געווארען בלויז אין איהר געדאנקען פאר די לעצטע פאר טעג. דאס איז גאר ניט געקומען אזוי אונערוואַרטעט, ווי זי דערצעהלט דאס. ערשט פון דער צייט, וואס זי האט ער־פאהרען פון לינגסטראנגען, דאס דושאנסאן אדער פרימאן אדער ווי אזוי ער רופט זיך דארטען, איז צוריק מיט דריי יאהר פונקט אין מאנאט מערץ געוועזען אין אונזער געגענד. דערפאר דענקט זי, דאס די מרה שחורה האט פונקט דאן פאסירט צוליעב איהם.

ארנהאלם. איז דאס דען ניט אזוי ?

וואנגעל. געוויס ניט אזוי. נאך מיט א לאנגע צייט צוריק האט מען שוין געקענט בעמערקען סמנים דערפון. עס האט אמת, אפילו פאסירט אין מאנאט מערץ א זעהר שטארקער אנפאל.

ארנהאלם. הייסט עס, דאך פארט אזוי !

וואנגעל. דאס לאזט זיך אבער לייכט ער־קלעהרען, דורך די אומשטענדען, אין וועלכע זי איז דאן געוועזען...

ארנהאלם. ווי עס ווייזט אויס, פערניכטעט איין בעווייז דעם צווייטען.

וואנגעל. (ברעכט די הענד) און ניט האבען קיין מעגליכקייט איהר צו העלפען ! פשוט ניט וויסען, וואס צו טהאן אווינס ! ניט זעהן פאר זיך קיין שום הילף !

ארנהאלם. און ווי וואלט זיין, ווען איהר וואלט זיך בעשליסען איבערצובייטען אייער וואהנונגס־פלאץ ? ערגעץ אוועקפאהרען פון דאנען, וואו זי זאל זיך געפינען פונקט ווי אין איהר אלטער היים ?

וואנגעל. אך, טהייערער, דענקט איהר, דאס איך האב דאס ניט פארגעשלאגען ? איך האב זי געבעטען, גע׳חלש׳ט

פֿאר איהר, זי זאל זיך אריבערקלייבען נאך סקאילדרוויק, זי וויל אבער ניט

א ר נ ה א ל ם. דאס וויל זי אויך ניט?

װ ו א נ ג ע ל. ניין, זי גלויבט ניט, דאס עס זאל איהר ברענגען עפּעס א נוץ, און מעגליך דאס זי איז אויך גערעכט.

א ר נ ה א ל ם. הממ... איהר רענקט אויך אזוי?

װ ו א נ ג ע ל. יא, א חוץ דעם, ווייס איך גאר ניט, ווי אזוי איך וועל דאס קענען בעווייזען. איך רעכען דאס מיין פֿליכט צו די קינדער ערלויבט מיר ניט זיך פֿערקלייבען אין אזא פֿערוואָרפֿענעם פלאץ, וואו איך זאל קענען האפֿען אויף עפּעס אויך פֿאר זייערט וועגען, איך זאל זיי קענען ברענגען צו עפּעס.

א ר נ ה א ל ם. דענקט איהר שוין וועגען דעם?

װ ו א נ ג ע ל. נו, יא, געוויס. מיין גאט! איך מוז דאך אויך וועגען דעם א טראכט טהאן! און פֿון אן אנדער זייט קו־קען אויף דעם אלעם. און פֿארט מיין ארעמע, קראנקע עליזא... אך, טהייערער ארנהאלם, איך בין ווי צווישען צוויי פֿייערען!

א ר נ ה א ל ם. וועגען באלעטא'ן דארפֿט איהר זיך שוין ניט זארגען. — (ברעכט אונטער דאס געשפּרעך) איך וואלט וועלען וויסען, וואו זיינען זיי ערגעץ פֿערפֿאלען געווארען? (ער געהט צו דער אפֿענער טיר און קוקט ארויס אין גארטען).

װ ו א נ ג ע ל. (שטעהט נעבען דער פּיאנא) איך וואלט אלעם מקריב געווען צוליעב אלע דריי, איך זאל נור וויסען, וואס איך האב צו טהאן. (עליזא קומט אריין דורך דער טיר, לינקס).

ע ל י ז א. (רעדט שנעל צו וואנגעל'ן) געה ניט, איך בעט דיך, אין ערגעץ, היינט פֿארמיטאג.

װ ו א נ ג ע ל. ניין, ניין, זיי רוהיג. איך בלייב מיט דיר. (ציינט אויף ארנהאלם, וואס געהט נעהנטער צו איהר) ווארום בעגריסט דו זיך ניט מיט אונזער פֿריינד?

ע ל י ז א. (דרעהט זיך אום) א, איהר זיינט אויך דא,

הערר ארנהאלם! (שטרעקט אויס איהר האנד צו איהם) גוט מארגען.

א ר נ ה א ל ם. גוט מארגען, מאדאם. איהר זיינט נאך היינט זיך נים נעגאנגען באדען, ווי אייער געוואהנהייט איז?

ע ל י ז א. ניין, היינט קען מען גאר ניט רעדען אפילו וועגען דעם! איהר וועט היינט מיט אונז גארניט פארברענגען?

א ר נ ה א ל ם. ניין, איך דאנק אייך זעהר, איך קען יעצט ניט. (קוקט אויף דר. וואנגעל) איך האב צוגעזאגט די קינדער ארונטערקומען צו זיי אין גארטען אריין.

ע ל י ז א. עס איז אבער א פראגע, צו איהר וועט זיי דארטען געפינען. איך אליין ווייס אויך קיינמאל ניט וואו זיי איפצוזוכען.

ו ו א נ ג ע ל. אה, יא, זיי קענען אודאי זיין ביים טייך.

א ר נ ה א ל ם. איך וועל שוין וואהרשיינליך זיי אויסזוכען.

(ער נייגט זיך און געהט אוועק דורך דער טיר אין גארטען אב רעכטס).

ע ל י ז א. ווי שפעט איז שוין איצט, וואנגעל?

ו ו א נ ג ע ל. (נעהמט ארויס זיין זייגער) א פאר מינוטען נאך עלף.

ע ל י ז א. נאך עלף שוין. האלב נאך עלף בייננאכט קומט אן די שיף אהער. אוי, ווי לעבט מען דאס שוין שנעלער איבער!

ו ו א נ ג ע ל. (געהט נעהנטער צו איהר) טהייערע עליזא, איך וויל דיך פרעגען בלויז איין פראגע.

ע ל י ז א. וועגען וואס?

ו ו א נ ג ע ל. צוריק מיט דריי טעג, ווען מיר זיינען געגאנגען אויף דעם בולוואר, האסטו מיר געזאגט, דאס אין פערלויף פון די לעצטע דריי יאהר פלעגסטו איהם קענען זעהען פאר זיך פונקט ווי א לעבענדיגען.

ע ל י ז א. יא, דאס איז וואהר, דו מעגסט מיר דאס זיכער גלויבען.

ו ו א נ ג ע ל. גוט, אבער ווי אזוי האסטו איהם געזעהען?

ע ל י ז א. וואס הייסט, ווי אזוי איך האב איהם געזעהען?

וואנגעל. איך מיין, ווי אזוי פֿלעגט ער זיך דיר פֿאר־שטעלען, ווען דו פֿלעגסט טראכטען וועגען איהם?

ע ל י ז א. מיין טהייערער וואנגעל, דו ווייסט דאך אליין, ווי ער קוקט אויס.

ע ל י ז א. אזוי פֿלעגט ער דיר אויך פֿארקומען אין דיין פֿארשטעלונג?

ע ל י ז א. יא, פונקט אזוי.

וואנגעל. גוט, אויב אזוי, ווארום האסטו איהם באלד ניט דערקענט?

ע ל י ז א. (פֿערוואונדערט) איך האב איהם דען באלד ניט דערקענט?

וואנגעל. ניין, דו אליין האסט מיר נאכהער דער־צעהלט, דאס דו האסט ניט געוואוסט, וואס דער פֿרעמדער מאן וויל פֿון דיר.

ע ל י ז א. (איבערראשט) יא, ריכטיג, דו האסט טאקי דערכט! דאס קומט אויס אזוי מערקווירדיג, ניט וואהר וואנגעל? בערעכען נור איך האב איהם אזוי שנעל ניט געקענט דערקענען!

וואנגעל. דו האסט מיר אייך געזאגט, דאס בלויז צוליעב די אויגען...

ע ל י ז א. אה, יא, דיזע אויגען! דיזע אויגען!

וואנגעל. גוט, אבער אויף דעם בולוואר האסטו מיר דאך דערצעהלט, דאס ער פֿלעגט דיר אימער זיך פֿארשטעלען, פונקט אלס אזעלכער, ווי דו האסט איהם געזעהען צוריק מיט צעהן יאהר, דארטען אין בראטאמער.

ע ל י ז א. האב איך דאס געזאגט?

וואנגעל. יא.

ע ל י ז א. הייסט עס, דאס דאמאלס איז ער געוועזן פונקט אזוי, ווי ער איז יעצט.

וואנגעל. ניין, דו האסט איהם גאר אנדערש פֿארגעשטעלט

פֿאר מיר צוריק מיט דריי טעג, געדענקסטו, ווען מיר זיינען געגאנגען אהיים. דו האסט מיר געזאגט, דאס צוריק מיט צעהן יאהר האט ער ניט געטראגען קיין באָרד, און דאס ער פֿלעגט זיך אויך גאנץ אנדערש קליידען, ווי איך האב דאס יעצט בעמערקט. אויך די שפּילקע מיט דעם פּערעל. איך האב זי דאך נעכטען גארניט געזעהען אויף איהם.

ע ל י ז א. ניין, זי איז טאקי ניט געווען אויף איהם.

וואנגעל. (קוקט אויף איהר פֿארשענד) טראכט נאך א מאל איבער וועגען דעם, טהייערע עליזא, מעגליך, דאס דו קענסט דיך מעהר ניט ערינערען, ווי ער האט אויסגעזעהען צוריק מיט צעהן יאהר אין בראטאמאר?

ע ל י ז א. (פֿערטראכט זיך, מאכט צו די אויגען) ניט דייטליך, ניין, היינט קען איך ניט. איז דאס ניט מערקווירדיג?

וואנגעל. עס איז גאר ניט אזוי מערקווירדיג. יעצט איז פֿאר דיר ארויסגעטראטען א שפּאגעל־נייער מענש. דאס אמת'ע געשטאלט, אין דער ווירקליכקייט פֿארשטעלט פֿון דיר די פֿריהעריגע בילדער, אזוי דאס דו קענסט זיי מעהר ניט זעהן.

ע ל י ז א. דו דענקסט ווירקליך אזוי, וואנגעל?

וואנגעל. יא. עס איז פֿערשוואונדען אויך צוזאמען מיט דעם דיינע קראנקע פֿארשטעלונגען. דערפֿאר גלויב איך איז גוט, וואס די ווירקליכקייט איז געקומען.

ע ל י ז א. גוט! דו זאגסט, אז דאס איז גוט?

וואנגעל. יא. דערפֿאר, ווייל זי איז געקומען. מעגליך, דאס זי וועט ברענגען א היילונג פֿאר דיר.

ע ל י ז א. (זעצט זיך אויף דער זאפֿא) וואנגעל, קום אהער, זעץ זיך נעבען מיר. איך וועל דיר אויסזאגען אלע מיינע געדאנקען.

וואנגעל. יא, יא, טהו עס מאקי, טהייערע עליזא. (ער זעצט זיך אויף א שטוהל אויף דער אנדערער זייט טיש).

ע ל י ז א. עס איז געווען א גרויסער אומגליק פֿאר אונזביידען, וואס דער שיקזאל האט אונז צוזאמענגעבראכט.

וואנגעל. (פערוואונדערט) וואס זאגסטו?!

עליזא. יא, דאס איז געווען אן אומגליק. פערשטעהסט זיך אז דאס איז געווען א גרויסער אונגליק זיך צוזאמענצוגעהען, ווי מיר, אינטער אזעלכע אומשטענדען.

וואנגעל. וואס אזוינס פאר א שלעכטע אומשטענדען?

עליזא. הער אויס, וואנגעל. עס לוינט אונז ניט מעהר צו לייקענען פאר זיך אליין, און אויך ניט איינס פאר דעם אנדערען.

וואנגעל. לייקענען! מיר לייקנען דען איינס פאר דעם אנדערען.

עליזא. יא, מיר זאגען ליגען, אדער, יעדענפאלס, דערשטיקען מיר די וואהרהייט... ווייל דער אמת... דער רייִנער, אונבעפלעקטער אמת... איז פארט, דאס דו ביזט געקומען צו מיר... און... און מיך געקויפט.

וואנגעל. געקויפט!... דו זאגסט... געקויפט...

עליזא. אה, איך בין דאך ניט געווען בעסער פאר דיר. איך בין דאך בעשטאנען אויף דעם האנדעל. איך האב דאך זיך באלד פערקויפט.

וואנגעל. (קוקט אויף איהר דערשלאגען) עליזא... האסטו ווירקליך אזוי פיעל מוטה דאס אלעס אנצורופען?

עליזא. דאס קען אבער קיין אנדערן נאמען ניט האבען! דו האסט מעהר ניט געקענט ערטראגען די לעערקייט אין דיין הויז. דו האסט געוואלט א צווייטע פרוי...

וואנגעל. און אויך א צווייטע מוטער צו די קינדער, עליזא.

עליזא. מעגליך, אז אויך דאס... כאטש — דו האסט דאך גארניט געוואוסט, אויב איך בין פעהיג גענוג צו פערנעהמען אזא פלאץ. דו האסט דאך בלויז מיך געזעהען... און האסט נאר א פאר מאל מיט מיר גערעדט אין גאנצען. איך בין דיר געפעהלען, און...

וואנגעל. יא, דו קענסט זיך דאס רופען, ווי דו ווילסט.

עליזא. און איך פון מיין זייט... איך בין דאך דאן געווען אזוי אונערפאהרען, אזוי הילפלאז, אזוי עלענד. עס איז גאנץ נאטירליך, וואס איך האב איינגעווילגט... ווען דו ביזט געקומען, און מיר פארגעשלאגען צו פערזיכערען מיך אויף דעם גאנצען לעבען.

וואנגעל. איך האב ניט געקוקט אויף דעם, ווי אויף א פערזיכערונג, טהייערע עליזא. איך האב דיך דאן עהרליך געפרעגט, אייב דו ווילסט טהיילען מיט אונז דאס ביסעלע, וואס איך מעג אנרופען מיינס.

עליזא. יא, דאס איז טאקי אזוי. און דאך האב איך דאס ניט געדארפט אננעהמען! ניט געטארט זיך פערקויפען! בעסער דאס קלענליכסטע, ארימסטע פערדינסט... בעסער דאס ערגסטע ארט לעבען... אבי פרייווילינ... מיט דעם פולען אייגענעם ווילען!

וואנגעל. (הויבט זיך אויף פון זיין פלאץ) האבען די פינף-זעקס יאהר פון אונזער צוזאמענלעבען קיין ווערטה ביי דיר?

עליזא, אה, דענק ניט אזוי, וואנגעל! איך האב אזוי גוט געלעבט ביי דיר, דאס בעסער קען מען ניט פערלאנגען. איך בין אבער ניט פרייוויליג אריינגעטראטען אין דיין הויז. דאס איז די גאנצע געשיכטע.

וואנגעל. (קוקט אויף איהר) ניט פרייוויליג?

עליזא. ניין, ניט פרייוויליג בין איך מיט דיר אהער געקומען.

וואנגעל, (מיט א דומפפען קול) א, איך עראינער מיך... די זעלבע ווערטער פון נעכטען...

עליזא. דיזע ווערטער ענטהאלטען אלעס. ויי האבען מיר אלעס ערקלעהרט. דערפאר זעה איך דאס אזוי גוט אצינד.

וואנגעל. וואס אזוינס זעהסטו?

עליזא. איך זעה, דאס אזא לעבען, ווי מיר פיהרען

צוזאמען... דאס אזא סארט לעבען איז אייגענטליך קיין הייראטה.

וואנגעל. דאס האסטו געזאגט דעם אמת. אונזער איצטיגער צוזאמענלעבען איז זיכער קיין הייראטה.

עליזא. אונזער פריהעריגעס צוזאמענלעבען איז אויך קיין הייראטה ניט געווען, קיינמאל ניט געווען, אפילו ניט אין אנפאנג. (קוקט פאר זיך, ווייט) דאס ערשטע... דאס האט געקענט זיין אן אמת'ע א ריכטיגע הייראטה.

וואַנגעל. דאס ערשטע? וואס מיינסטו מיט דעם?

עליזא. מיין הייראטה... מיט איהם.

וואנגעל. (קוקט זי אן פערוואונדערט) איך הויב דיך ניט ניט אן צו פערשטעהען!

עליזא. אה, טהייערער וואנגעל,... מיר דארפען ניט נארען איינס דאס צווייטע. מיר דארפען אויך זיך זעלבסט ניט נארען.

וואנגעל. נו, גוט, אבער וואס קומט ארויס פון דעם?

עליזא. (הייבט זיך שנעל אויף פון פלאץ) לאז מיך אוועקפאהרען פון דיר, וואנגעל!

וואנגעל. עליזא! עליזא!

עליזא. אה, יא, ערלויב מיר אוועקפאהרען פון דיר! גלויב מיר... אונז בלייבט אלעם איינס קיין זאך צו טהאן, נאכדעם, ווי מיר זיינען זיך אזוי צוזאמענגעקומען.

וואנגעל. (בעהערשט זיינע ליידען) צו דעם אלזא זיינען מיר עס געקומען?

עליזא. מיר האבען געמוזט קומען צו דעם. אנדערש האט דאס ניט געקענט זיין.

וואנגעל. (קוקט אויף איהר דערשלאגען) אפילו דורך אונזער צוזאמענלעבען האב איך דיין הארץ ניט געקענט געווינען. דו ביזט קיינמאל ניט, קיינמאל מיינע ניט געווען.

עליזא. אה, וואנגעל, איך זאל נור קענען דיך ליעבען, אזוי ווי איך וואלט ווערען, אזוי ליעבען ווי דו פערדיענסט עס!

איך פיהל אבער, איך פיהל, דאס וועט קיינמאל ניט קענען זיי
וואנגעל. הייסט עס, דו ווילסט א שיידונג? דו פאר־דערסט אלזא א גט... א פולען, פארמאלען גט?

עליזא. טהייערער, ווי וויניג דו פערשטעהסט מיך. וואס פאר א געשעפטען האב איך מיט די פארמען? איך גלויב, דאס די גאנצע געשיכטע ליגט ניט אין אזוינע פוסטע, אויסער־ליכע פארמען. דאס וואס איך וויל, איז, אז מיר זאלען זיך צו־געהן פרייוויליג.

וואנגעל. (א דערשלאגענער, שאקעלט לאנגזאם מיט'ן קאפ) מאכען צו נישט דאס גאנצע געשעפט — יא.

עליזא. (אויפגעלעבט) יא, ריכטיג! מאכען צו נישט דאס געשעפט!

וואנגעל. אבער דערנאך, עליזא, האסטו א טראכט געטהאן, וואס אונז ערווארטעט אין דער צוקונפט?

עליזא. דאס איז אלעם אגאל. ווי עס וועט זיין איז גוט. דאס וואס איך בעט דיך, וואנגעל, דאס איז וויכטיגער פון אלעם! גיב מיר נור מיין פרייהייט! קעהר מיר אום מיין פולע פרייהייט!

וואנגעל. עליזא... דאס איז זעהר א גרויזאמע פאר־דערונג. גיב מיר כאטש צייט זיך צו בעטראכטען. איך זאל קע־נען קומען צו א בעשלוס. מיר וועלען נאך רעדען וועגען דעם. דו אליין מעגסט זיך נאך אויך איבערלעגען וועגען דעם אלעם.

עליזא. מיר טארען אבער קיין סך צייט ניט פערלירען. נאך היינט דארף איך האבען די פולע פרייהייט!

וואנגעל. וואס עפעס נור היינט?

עליזא. יא, וויל היינט אבענד קומט ער אהער.

וואנגעל. (ציטערט) קומט ער!... צוליעב וואס מישסט דו אריין דעם פרעמדען?

עליזא. איך וויל זיך היינט שטעלען פאר איהם א פרייע.

וואנגעל. און וואס?... וואס דענקסטו צו טהאן נאכהער?

ע ל י ז א. איך וויל זיך ניט פֿערענטפֿערען מיט דעם, וואס איך בין אן אנדערענס פֿרוי. איך וויל זיך ניט פֿערענטפֿערען מיט דעם, איך וויל גיט זאגען, דאס איך קען ניט אויסקלייבען, ווייל דאמאלס וואלט דאס אלעס קיין בעשלוס ניט געווען.

ו ו א נ ג ע ל. דו רעדסט דא פֿון אויסקלייבען! פֿון אויסקלייבען, עליזא! אין אזא זאך פֿון אויסקלייבען!

ע ל י ז א. יא, איך מוז האבען די פֿולע פֿרייהייט אויסצוקלייבען. איך דארף האבען דאס רעכט איהם אבלאזען אליין... אדער... איהם נאכפֿאלגען...

ו ו א נ ג ע ל. פֿערשטעהסטו באטש, וואס דו רעדסט. איהם נאכפֿאלגען! אבגעבען דיין שיקזאל אין זיינע הענד!

ע ל י ז א. האב איך דען ניט איבערגעגעבען מיין שיקזאל אין דיינע הענד? אוועקגעגעבען אפילו ניט בעטראכטענדיג זיך!

ו ו א נ ג ע ל. זאל זיין אזוי. אבער ער! ער! א ווילדפֿרעמדער! א מענש, פֿון וועמען דו ווייסט אזוי ווייניג!

ע ל י ז א. דיך האב איך, מיר שיינט, נאך וויניגער געקענט, און דאך בין איך מיטגעגאנגען מיט דיר.

ו ו א נ ג ע ל. דאמאלס האסטו אמווייניגסטען געוואוסט, וואס פֿאר א סארט לעבען דיך ערווארטעט. אבער דא? דא? בעטראכט זיך גוט! וואס ווייסטו דא? דו ווייסט גאר ניט וועגען דעם. דו ווייסט אפילו ניט ווער אזוינס איז ער... וואס אזוינס איז ער.

ע ל י ז א. (קוקט פֿאר זיך ווייט) דאס איז וואהר. נור אייגענטליך ד א ס איז דאך שרעקליך.

ו ו א נ ג ע ל. יא, אהן שום צווייפֿעל, שרעקליך...

ע ל י ז א. דערפֿאר טאקי ציינט מיר אויס, דאס איך מוז געהן מיט איהם.

ו ו א נ ג ע ל. (קוקט אויף איהר) דערפֿאר, ווייל דיר ציינט עס אויס שרעקליך?

ע ל י ז א. יא, אייגענטליך דערפֿאר.

וואנגעל. (גערט צו איהר נעהנטער) הער אוים עליזא... וואס איינענטליך פערשטעהסטו אונטער דעם ווארט שרעקליך?

עליזא. (פערטראכט זיך) שרעקליך איז דאס, פאר וואס דו האסט מורא, און דאך ציהט עס דיך.

וואנגעל. עס ציהט אויך?

עליזא. מיר דוכט, דאס עס ציהט שטארקער, ווי עס שרעקט.

וואנגעל. (רעדט לאנגזאם) דו ביזט אזוי ווי דער ים.

עליזא. דאס איז אויך שרעקליך.

וואנגעל. דיזעס שרעקליכעס ליגט אין דיר. דו שרעקסט אויך, און דאך ציהסטו צו זיך.

עליזא. דו דענקסט ווירקליך אזוי, וואנגעל?

וואנגעל. איך האב דיר פריהער קיינמאל גוט ניט געקענט. איך האב קיינמאל ניט געקענט אריינדרינגען אין דער טיפעניש פון דיין זעעלע. איך פאנג ערשט יעצט אלעס אן פערשטעהן.

עליזא. דערפאר דארפסטו מיך לאזען פריי! דארפסט פון מיר ארונטערנעמען אלע מיינע פפליכטען, וואס איך האב צו דיר און דיין פאמיליע! איך בין ניט די, פאר וועלכע דו האסט מיך גערעכענט. דו זעהסט דאך דאס יעצט אליין איין מיר קענען זיך צושיידען אין שלום, פרייוויליג.

וואנגעל. (טרויעריג) מעגליך דאס עס וואלט בעסער געווען, דאס מיר זאלען זיך שיידען... איך קען אבער פארט ניט... דו ביזט פאר מיר אויך דאס „שרעקליכע", עליזא. דיין חוש הריח איז אם שטארקסטען אין דיר.

עליזא. דו דענקסט אזוי?

וואנגעל. מיר וועלען פראבירען בענעגענען היינטיגען אבענד גאנץ קאלטבלוטיג, מיט א קלאהרען פערשטאנד. איך טאר דיך ניט אוועקלאזען היינט, מיין געוויסען לאזט מיך דאס ניט. דאס איז פאר דיר אליין, עליזא, פאר דיין טובה וועגען. איך

וועל ניט אפּשטעהן פֿון מיין רעכט און פֿליכט דיך צו בעשיצען.

ע ל י ז א. בעשיצען! פֿון וואס וועסטו מיך בעשיצען? מיך סטראשעט ניט קיין אויסערליכע געפֿאהר. דאס שרעקליכע לינט טיפֿער, וואנגעל! דאס שרעקליכע דאס איז די שטרעבונג פֿון מיין אייגענער זעעלע. און וואס קענסטו טאהן אנטקעגען דעם?

וואנגעל. איך קען דיר צוגעבען מוטה אין דיין קאמפּף מיט דעם.

עליזא. יא, איך זאל וועלען קעמפֿפֿען מיט דעם.

וואנגעל. דו ווילסט דען ניט?

עליזא. אט דאס איז דאך אייגענטליך, וואס איך וויים נאך אליין ניט.

וואנגעל. היינט אבענד וועט אלעס בעשלאסען ווע־רען, טייערע עליזא.

עליזא. (שרייט פּלוצלונג אויס) יא דענק נור! דער בע־שלוס איז אזוי נאהענט! א בעשלוס פֿאר דעם גאנצען לעבען!

וואנגעל. און דאן מארגען...

עליזא. יא, מארגען! מעגליך, אז מארגען זאל אלעס פֿערשווינדען, וואס די צוקונפֿט האט פֿאר מיר געמאהלען.

וואנגעל. וואס אזוינס האט דיר געמאהלט דיין צוקונפֿט?

עליזא. א פֿאלקאמען פֿרייעס לעבען, וועט פֿערשווינ־דען פֿון מיר אויף אייביג, מעגליך... אויך פֿון איהם.

וואנגעל. (גאנץ שטיל, נעהמט זי פֿאר די האנד) עליזא, — דו ליעבסט דעם פֿרעמדען?

עליזא. אויב איך ליעב? אך, וואס וויים איך! איך וויים בלויז, דאס ער איז פֿאר מיר דאס שרעקליכע און דאס...

וואנגעל. און וואס נאך?

עליזא. (רייסט ארויס איהר האנד פֿון זיינע) — און, דאס צו איהם, דאכט זיך, דארף איך בעלאנגען.

ו ו א נ ג ע ל. (לאזט ארונטער דעם קאפּ) איך הויב אן יעצט אלעס צו פֿערשטעהען.

ע ל י ז א. און וואס קענסטו אויסטראכטען צו דעם? מיט וואס קענסטו מיר העלפֿען?

ו ו א נ ג ע ל. (קוקט אויף איהר טרויעריג) מארגען, מארגען אלוא פֿאהרט ער אפּ. די געפֿאהר וועט דיך מעהר ניט פֿער־פֿאלגען. און דאן בין איך צופֿריעדען דיר אומקעהרען דיין פֿריי־הייט צוריק. מיר וועלען פֿערניכטען אונזער געשעפֿט, עליזא.

ע ל י ז א. אה, וואנגעל! מארגען וועט זיין צו שפּעט!

ו ו א נ ג ע ל. (קוקט אין גארטען) די קינדער! די קינדער! לאמיר זיי כאטש פֿערשפּארען די שמערצען, אמוייניגסטען יעצט. (ארנהאלם, באלעטא, הילדא און לינגסטראן קומען אן אין גארטען. לינגסטראן געזעגענט זיך אונטען אין גארטען און געהט אוועק לינקס, די איבריגע געהן אריין אין הויז).

א ר נ ה א ל ם. טרעפֿט, וואס פֿאר א פלאן מיר האבען אויסגעארבייט!

ה י ל ד א. מיר ווילען פֿארנאכט אוועקפֿאהרען אין פיארד אין —

ב א ל ע ט א. ניין, דערצעהל ניט! ניט!

ו ו א נ ג ע ל. מיר האבען דא אייך אויסגעארבייט פּלענער.

א ר נ ה א ל ם. אה, ווירקליך?

ו ו א נ ג ע ל. מארגען פֿאהרט עליזא אפּ אויף א קורצע צייט אין סקאילדרוויק.

ב א ל ע ט א. פֿאהרט אוועק?

א ר נ ה א ל ם. אזוי, דאס איז זעהר קלוג פֿון אייך, מאדאם וואנגעל.

ו ו א נ ג ע ל. עליזא'ן ווילט זיך אהיים. זי וויל ווידער זעהן דעם ים.

ה י ל ד א. (לויפֿט צו עליזא'ן) דו פֿאהרסט אוועק? דו פֿאהרסט גאר אוועק פֿון אונז?!

ע ל י ז א. (דערשראקען) וואס איז, הילדא! וואס טהוט זיך מיט דיר?

ה י ל ד א: (בעהערשט זיך) גאר ניט, גאר ניט. (דרעהט זיך אוועק פון איהר, מיט א שטיל קול) פאהר, פאר וואס ניט!

ב א ל ע ט א. (מיט שרעק) פאפא, איך דערקען אין דיין געזיכט, דאס... דאס דו פאהרסט אויך אין סקאילדוויק.

וו א נ ג ע ל. פארלויפיג ניט! מעגליך, איך וועל פאהרען אהין, נאכהער, און גאנץ אפט.

ב א ל ע ט א. און דא ביי אונז?

וו א נ ג ע ל. וועל איך אויך זיין...

ב א ל ע ט א. א גאסט? יא!

וו א נ ג ע ל. טהייער קינד, מיר מוזען זיך צו אלעס אונטערוואַרפען. (ער געהט אפ אין הינטערגרונד פון סצענע).

א ר נ ה א ל ם. (רוימט עפעס איין באלעטא'ן) מיר וועלען נאכהער איבעררעדען וועגען דעם, באלעטא. (ער געהט צו וואנ־געל'ן. זיי ריידען שטיל צווישען זיך. שטעהענדיג נעבען די טיר).

ע ל י ז א. (צו באלעטא'ן) וואס איז אזוינס מיט הילדא'ן? זי ציינט מיר אויס צו זיין זעהר צורודערט!

ב א ל ע ט א. האסט קיינמאל ניט בעמערקט, וואס הילדא האט געגארט במעט יעדען טאג?

ע ל י ז א. געגארט?

ב א ל ע ט א. צו דער זעלבער מינוט זייט די ביזט צו אונז אין הויז ארייננעטראטען.

ע ל י ז א. ניין, ניין, וואס איז עס אזוינס?

ב א ל ע ט א. באטש איין גוטעס, ליעבענדעס ווארט פון דיר.

ע ל י ז א. א! ווי וועט זיין, ווען איך האב נאך דא עטוואס! (זי שטעהט מיט פערבראכענע הענד אויפ'ן קאפ און קוקט אונבעוועגט פאר זיך, ווייט, פונקט ווי אין איהר זאל פארקומען א קאמפף פון פערשיעדענע געראנקען און געפיהלען. וואנגעל און ארנהאלם געהען א־ום איבער'ן צימער,

רעדענדיג שטיל צווישען זיך. באלעטא קוקט אריין אין צווייטען צימער, וואס געפינט זיך אין דער רעכטער זייט. זי עפענט די טיר אהין).

ב א ל ע ט א׳ טהייערער פאפא, דאס עסען איז אויף דעם טיש, אויב דו ווילסט...

ו ו א נג ע ל. (מיט א געמאכטער רוהיגקייט) איז שוין פערטיג קינד? זעהר גוט פראפעסאר! קומט, וועלען מיר טרינקען צום אבשיעדס מיטאג, מיט ד ע ר פ ר ו י פ ו ן י ם. (זיי לאזען זיך אלע געהן צו דער טיר, רעכטס).

(פארהאנג).

פינפטער אקט.

(די סצענע שטעלט פאר א ווייטען טהייל פון גארטען, וואס איז ארום וואנגעל'ס הויז. גאנץ נאהענט דערביי איז דער טייך. א זומער־נאכט. די פינסטערקייט רוקט זיך אן אלץ מעהר. ארנהאלם, באלעטא, לינגסטראן און הילדא שווימען צו אין א קליינער שיפעל פון דער לינקער זייט).

הילדא. זעהט, דא וועט אונז זיין ניט גוט ארויס־צושטייגען!

ארנהאלם. ניין, ניין, טהוט דאס ניט.

לינגסטראן. איך וועל ניט וואגעז ארויסצו־שפרינגען דא, פריילין.

הילדא. און איהר, ארנהאלם, אויך ניט?

ארנהאלם. איך וועל בעסער גאר ניט פרובירען.

באלעטא. מיר וועלען צופאהרען צו דער קופאלניע, דארטען וועלען מיר גאנץ לייכט קענען ארונטערשטייגען. (זיי פרייבען דאס שיפעל אין דער רעכטער זייט. אין דער זעלבער מינוט בע־ווייזט זיך פון דער רעכטער זייט באלעסטעד. ער טראגט מיט זיך א בוך נאטען און א מעשענעם טרומפייט. ער פערנייגט זיך פאר די פערבייפאהרערס און פערפיהרט מיט זיי א געשפרעך. די אנטווארטען הערען זיך אלץ שטילער און שטילער).

באלעסטעד. וואס זאגט איהר? יא, געווים, דאס איז צוליעב דער ענגלישער שיף. זי איז דאך יעצט געקומען אהער דאס לעצטע מאל היינטיגעס יאהר. אויב איהר ווילט הע־רען די מוזיק' טא איילט זיך צו. (שרייט) וואס? (שאקעלט מיט דעם קאפ) איך הער ניט, וואס איהר זאגט! (עליזא איינגעוויקעלט דעם קאפ אין א לייכטער שאל, קומט פון לינקער זייט. דר. וואנגעל געהט איהר נאך).

וואנגעל. אבער, טהייערע עליזא, איך פּערזיכער דיך—עס איז נאך פאראן גענוג צייט.

עליזא. ניין, ניין — ניט אזוי פיעל! ער קען קומען יעדע מינוט.

באלעסטעד. (פון דער אנדערער זייט פלאנקען) גוטען אבענד, הערר דאקטאר! גוטען אבענד, מאדאם!

וואנגעל. (דערזעהענדיג איהם) א, איהר זיינט דאס? וואס, היינט אבענד וועט ווייטער א מאל זיין מוזיק?

באלעסטעד. יא. דער „מוזיקאלישער פעראיין" וועט היינט אבענד געבען א קאנצערט. אין דיזער צייט פון יאהר קען מען שוין געפינען אן איבעריג דערצו. היינט אבענד איז דאס צוליעב דער ענגלישער שיף.

עליזא. די ענגלישע שיף! איהר זעהט זי דען שוין?

באלעסטעד. מי קען זי נאך דערווייליע ניט זעהן. זי געהט אבער פון פיארד, צווישען די אינזלען. און איידער איהר וועט צייט האבען זיך ארומצוקוקען, וועט זי שוין דא זיין.

עליזא. יא, דאס איז פאלשטענדיג וואהר.

וואנגעל. (ווענדט זיך מעהר צו עליזא'ן) היינט אבענד איז די לעצטע רייזע, מעהר וועט זי זיך ניט צוריק קעהרען.

באלעסטעד. א טרויריגער געדאנק, הערר דאקטאר. דערפאר מאכען מיר אזא פאראד, מיר ווילען זי בעגלייטען מיט עהרע. אך, יא יא! באלד איז צו ענדע די שעהנע זומער־צייט. אין גיכען שליסען זיך אלע קוואלען, ווי עס רעדט זיך אין דער טראגעדיע.

עליזא. אלע קוואלען שליסען זיך, יא.

באלעסטעד. טרויריג, ווען מי פאנגט אן טראכטען וועגען דעם. וואכען, מאנאטען גאנצע זיינען מיר געצערטעלט געוועזען פון זומער. עס איז זעהר שווער זיך צוצוגעוועהנען צו די כמארנע טעג. עס איז אפילו וואהר, דאס שטארק שווער איז נאר פון אנפאנג, ווייל מענשען קענען זיך אלקי־א־קלימאטיזירען,

מאראם וואנגעל. יא, זיי קענען דאס. (ער פערנייגט זיך און געהט אב לינקס).

עליזא. (קוקט פון וויטען איף דעם פיארד) אה, דיזע שרעקליכע ערוואַרטונג! דיזע אונערטרעגליך שווערע מינוטען פאר דעם בעשלוס!

וואנגעל. דו האלסט זיך אלזא פעסט ביי דיין בע־שלוס, ווילסט נאך אלץ אליין רעדען מיט איהם?

עליזא. איך דארף אליין רעדען מיט איהם, ווייל איך מוז האבען אליין די פולע פרייהייט אויסצוקלייבען.

וואנגעל. דו האסט ניט וואס אויסצוקלייבען, עליזא. דו האסט קיין רעכט צו קלייבען. איך וועל דיר ניט ערלויבען אזא רעכט.

עליזא. דו קענסט שוין גאר ניט שטערען מיין אויס־וואהל. ניט דו און ניט קיין אנדערער. דו קענסט מיר פערבאַ־טען איהם נאכפאלגען, איהם נאכפאהרען, אין פאל, איך זאל דאס אויסקלייבען. דו קענסט מיט געוואלד מיך דא פערהאלטען, געגען מיין ווילען. דאס קענסטו טהון. אבער אויסקלייבען, אויס־קלייבען אין דער טיעפעניש פון מיין נשמה, אויסקלייבען איהם, און ניט דיך, אין פאל איך זאל דאס דארפען, אדער וועלען טהאן, דאס קענסטו מיר ניט פערבאטען.

וואנגעל. יא, דו האסט רעכט, דאס קען איך דיר ניט פערוועהרען.

עליזא. א חוץ דעם, וואס קען אין מיר ערוועקען לוסט צו קעמפפען געגען דעם? דא איז ניט פאַראן קיין איינציגע זאך, וואס זאל מיך אפהאלטען אדער צוציהען. איך בין דאך פונקט ווי א פרעמדע ביי דיר אין הויז, וואנגעל. די קינדער זיינען ניט מיינע. איך מיין, דאס זייערע הערצער האלטען יי פאר מיר פערשלאסען. ווען איך וועל אוועקפאהרען, אויב איך וועל נאר פאהרען מיט איהם היינט ביי נאכט, אדער מארגען נאך סקאילדרוויק, וועל איך קיין שליסעל ניט דארפען אוועקגעבען,

איך וועל ניט האבען וואס דא צו בעפעהלען. איך בין כמעט ווי א פרעמדע אין דיין הייז. איך בין באלד, פון דער ערשטער מינוט אן, געשטאנען אן א זייט.

וואנגעל. דו האסט אליין געוואלט אזוי.

עליזא. ניין, זעהסטו, איך וואלט דאס שוין ניט גע־זאגט. מען קען ניט זאגען, דאס איך האב געוואלט עס זאל אלעס אזוי זיין. איך האב עס אבגעלאזט אזוי ווי עס געהט. דו אליין האסט געוואלט, עס זאל זיך פיהרען אלעס אויף דעם אלטען שטייגער, האב איך דאס אבגעלאזען פונקט אזוי ווי איך האב דא אלעס געטראפען.

וואנגעל. איך האב געוואלט, עס זאל זיין בעסער פאר דיר.

עליזא. יא, וואנגעל, איך ווייס עס גאנץ גוט! דא ליגט אבער פערבארגען א נקמה. דער שיקזאל שטראפט אונז ביידען, דערפאר, ווייל מיר האבען ניט קיין שום קראפט, וואס זאל אונז צוזאמענבינדען, קיין שטיצע פאר אונזער שוואכקייט, מיר האבען קיין צוציהונג צו דעם, וואס דארף זיין אונזער שטרעבונג.

וואנגעל. יא, איך פערשטעה עס, עליזא. און דער־פאר קריגסטו פון מארגען אן דיין פולע פרייהייט צוריק, דו וועסט קענען אנפאנגען דאס לעבען פון דאס ניי, ווי דיר וועט זיך וועלען, מיט דיין אייגענעם לעבען.

עליזא. אין דאס רופסטו אן אייגענעם לעבען! אה, ניין. מיין אייגענעם לעבען, מיין ריכטיגעם לעבען איז אויפגע־לייזט געווארען דאן, ווען איך בין צו דיר געקומען. (זי ברעכט די הענד אין שרעק) און יעצט אין דיזער נאכט — אין א האלבע שעה — וועט קומען דער, וועמען איך בין אונטריי געווען, דער, וועמען איך האב געדארפט טריי בלייבען ביז צו דער ענדע, פונקט ווי ער האט געהאלטען יין פערשפרעכען צו מיר! ער וועט קומען און מיר פארשלאגען פון דאס ניי צו אנפאנגען

דאס לעבען. יעצט אבער, צום לעצטען מאל, צום לעצטען מאל רופט ער מיך צום לעבען, צום אמת'ן לעבען, צום לעבען, וואס שרעקט, און דאך ציהט עס צו אזא לעבען. פֿון װעלכען איך קען זיך פֿרייוויליג ניט ענטזאגען!

װאנגעל. אייגענטליך דערפֿאר איז נויטווענדיג, דאס איך, אלס דיין מאן און דיין דאקטאר, זאל צונעהמען בײ דיר די מאכט אליין אלעס צו טהאן. איך דארף טהאן אלעס פֿאר דיר.

עליזא. יא, װאנגעל, איך פֿערשטעה עס אליין גאנץ גוט. אה, גלויב מיר, עס גיבען אזוינע מינוטען, דאס איך פֿיהל, ווי זיך צו לאזען פֿיהרען פֿון דיר! אבער ווי קען איך בײשטעהן די צוויבערענדע און שרעקענדע קרעפֿטען? איך קען דאס ניט. ניין, ניין — איך קען דאס ניט!

װאנגעל. קום, עליזא. מיר װעלען זיך א ביסעל דורכגעהן אין גארטען.

עליזא. איך װאלט גערן געגאנגען, איך װאג אבער ניט אוועקגעהן. ער האט דאך מיר אנגעזאגט, איך זאל דא אויף איהם װארטען.

װאנגעל. קום. דו האסט נאך גענוג צייט.

עליזא. דו דענקסט אזוי?

װאנגעל. איך זאג דיר, אז עס איז נאך דא גענוג צייט.

[על]יזא. אויב אזוי, װעלען מיר זיך דורכגעהן. (זיי געהען ביידע אב דורך דעם פֿארדערגרונד פֿון דער סצענע, רעכטס, ארנהאלם און באלעטא קומען אין דערזעלבער מינוט אן געבען טייך).

באלעטא. (דערזעהענדיג די אפגעהענדע) זעהט נאר!

ארנהאלם. (שטיל) טססס... שטערט זיי ניט.

באלעטא. איהר קענט עפעס פֿערשטעהן, וואס עס געהט פֿאר בײ זיי די לעצטע פאר טעג?

ארנהאלם. איהר האט דען עפעס בעמערקט אויף זיי?

באלעטא. אויב איך האב בעמערקט!

ארנהאלם. עפּעס בעזאנדערעס?

באלעטא. אה, יא. זאנדערבארע זאכ קומען און איהר האט דען גאר ניט בעמערקט?

ארנהאלם. איך ווייס פֿון גאר ניט.

באלעטא. אוראי, יא, איהר האט אלעס בעמערקט, איהר ווילט בלויז ניט זאגען.

ארנהאלם. איך גלויב. דאס די קליינע רייזע וועט זעהר נוצליך זיין פֿאר אייער מוטער... שטיפֿמוטער.

באלעטא. איהר דענקט ווירקליך אזוי?

ארנהאלם. יא, איך רעכען, דאס עס וואלט פֿאר אייך אלעמען בעסער געווען, זי זאל פֿון צייט צו צייט אינטערנעהמען קליינע רייזען.

באלעטא. אויב זי וועט מארגען אוועקפֿאהרען צו זיך אהיים אין סקאילדוויק, וועט זי זיכער מעהר צו אונז ניט קומען.

ארנהאלם. טהייערע באלעטא, פֿאר וואס דענקט איהר אזוי?

באלעטא. יא, איך בין פֿעסט איבערצייגט אין דעם. געדענקט מיינע ווערטער, איהר וועט זעהן! זי וועט מעהר ניט קומען, וועניגסטענס, אזוי לאנג, ווי איך און הילדא וועלען דא זיין.

ארנהאלם. אלזא, הילדא אויך?

באלעטא. מיט הילדאן וואלט זי נאך אפשר זיך צוגע־וועהנט. זי איז דאך נאך במעט א קינד. און ווי מיר ציינט זיך אויס, פֿערגעטערט זי פשוט על־יוּא'ן. איך בין שוין גאר עפּעס אנדערש. האבען א שטיפֿמוטער, וועלכע איז אליין ניט פֿיעל עלטער פֿון מיר...

ארנהאלם. טהייערע באלעטא, מעגליך, דאס די צייט, ווען איהר וועט קענען ארויסגעהן פֿריי, איז גאנץ נאהענט.

באלעטא. (אויפֿלעבענד) איז דאס מעגליך! איהר האט גערעדט מיט דעם פֿאפּא וועגען דעם?

א ר נ ה א ל ם. יא, איך האב גערעדט מיט איהם.

ב א ל ע ט א. נו, וואס האט ער געזאגט?

א ר נ ה א ל ם. המם... אייער פאטער איז שרעקליך דערשלאגען די לעצטע טעג.

ב א ל ע ט א. יא, יא, דאס האב איך דאך נאך פריהער אייך געזאגט.

א ר נ ה א ל ם. אבער אמווענינגסטען האב איך זיך דער־וואוסט פון איהם, דאס איהר האט קיין שום האפנונג אויף איהם צו לייגען.

ב א ל ע ט א. איך קען גאר ניט ערווארטען?!

א ר נ ה א ל ם. אזוי האט ער מיר פארגעשטעלט זיינע געשעפטען און מיר געזאגט, דאס עס איז אונמעגליך פאר איהם...

ב א ל ע ט א. (מיט א פארוואורף) און איהר האט מיך אלץ אפגענארט!

א ר נ ה א ל ם. איך האב דאס אפילו ניט געדענקט צו טהאן, טהייערע באלעטא. עס ווענדעט זיך נור אן אייך אליין, אוועקפאהרען פון דאנען, אדער דא בלייבען.

ב א ל ע ט א. וואס זאגט איהר — אן מיר?

א ר נ ה א ל ם. אן אייך אליין ווענדעט זיך, אויב איהר זאלט זעהן די וועלט, ערפאהרען אלעס, וואס אייך אינטערעסירט, ווערען אן אנטהיילנעהמערין אין אלע זאכען, וואס ציהען אייך צו זיך, אנפאנגען לעבען אין בעסערע אומשטענדען, באלעטא, וואס זאגט איהר דערצו?

ב א ל ע ט א. (גיט א פאטש מיט די הענד) א, מיין גאט! דאס איז דאך אבער אונמעגליך. דאס פון וואס איהר רעדט. אויב דער פאפא וויל, אדער קען ניט, הייסט עס... איך האב דאך קיינעם אויף דער וועלט אויסער איהם, צו וועמען איך זאל מיך קענען ווענדען.

א ר נ ה א ל ם. וואלט איהר זיך ניט ערלויבט אנצונעהמען

א קליינע שטיצע פון אייער אלטען... אייער געוועזענעם לעהרער?

באלעטא. פון אייך, הערר ארנהאלם! איהר ווילט ווירקליך?

ארנהאלם. אייך א־ויסהעלפען? אה, יא, איך וואלט אזוי ווען אייך ארויסהעלפען מיט ראטה און טהאט. איהר מעגט אייך אויף מיר פערלאזען. אלזא, אבגעמאכט? וואס זאגט איהר? זייט איהר צופריעדען?

באלעטא. אויב איך בין צופריעדען! ארויסגעהן פריי און זעהן די וועלט, ערווערבען מעהר און אמת'ע קענטניסע! ערר[ייכען] אלעס, וואס מיר האט זיך געדוכט צו זיין ניט דערגרייכבאר, דערגרייכען דאס, וואס מיר האט נאר געשיינט אלס געדאנק, וואס קען זיך קיינמאהל ניט פערווירקליכען!

ארנהאלם. יא, דאס אלעס קען זיך יעצט פאר אייך פערווירקליכען, אויב איהר וועט דאס נור וועלען.

באלעטא. און איהר ווילט מיר העלפען צו דערגרייבען מיין גרויסעס גליק! אך, ניין, זאגט נאר, איך בעט אייך, מעג איך אננעהמען אזא אפפער פון א פרעמדען מענשען?

ארנהאלם. פון מיר מעגט איהר רוהיג דאס אננעהמען, באלעטא. יעדענפאלס, איז עס דאך פון מיר.

באלעטא. (נעהמט איהם אן פאר'ן האנד) יא, מיר דיכט אליין, דאס איך מעג דאס פון אייך אננעהמען! איך ווייס עס ניט, ווי צו ערקלעהרען, נור (מיט א פלוצלינגער אויפלעבונג) אך, מיר ווילט זיך אי לאכען אי וויינען פון פריידע! יא, פון גליק! הייסט עס, איך וועל פארט לעבען אזוי ווי מיר האט זיך דאס פארגעשטעלט. איך האב שוין אנגעפאנגען זיך שרעקען, דאס לעבען זאל ניט פערבייגעהן נעבען מיר.

ארנהאלם. איהר האט זיך גאר ניט וואס צו שרעקען, טהייערע באלעטא. זאגט מיר אבער איצט גאנץ אויפריכטיג, האט איהר ניט עפעס, וואס זאל אייך צובינדען צו דעם פלאץ?

באלעטא. מיך צובינדען! ניין! עס האלט מיך קיין זאך ניט צו.

ארנהאלם. מיט איין ווארט, קיין זאך?

באלעטא. ניין, גאר ניט. די ליעבע צום פאפא פערהאלט מיך געוויס, אויך הילדא, אבער...

ארנהאלם. מיט אייער פאטער וועט איהר דאך פריהער אדער שפעטער זיך מוזען שיידען. און וואס הילדא'ן אנבעטרעפט, ווערל, זי וועט דאך אויך א מאל מוזען אנפאנגען א זעלבסטשטענדיגעס לעבען. דאס איז אלזא בלויז א פראגע פון צייט. די הויפט זאך איז, אויב איהר האט ניט קיין אנדערע רפליכטונגען?

באלעטא. ניין, קיינע אנדערע פפליכטען, אויב עס האנדעלט זיך בלויז וועגען דעם, קען איך גאנץ רו"ג אוועק־פאהרען.

ארנהאלם. אויב אזוי, טהייערע באלעטא, קענט איהר דאך פאהרען צוזאמען מיט מיר.

באלעטא. (קלאפט מיט די הענד פאר פריידע) גאט מיינער! בערעבענט גאר וואס פאר א גליק!

ארנהאלם. איך האף, דאס איך האב אייער פולעס צוטרויען.

באלעטא. אה, געוויס!

ארנהאלם. און איהר ניט אלזא איבער אייער צו־קונפט גאנץ רוהיג אין מיינע הענד, באלעטא? ניט אמת, אפשר, א יא, איהר וועט דאס טהון?

באלעטא. אה, יא, געוויס! פאר וואס דען ניט? איהר קענט דען אנדערש דענקען! איהר זייגט דאך מיין אל־טער לעהרער... איך מיין, מיין לעהרער נאך פון לאנגע צייטען.

ארנהאלם. ניט בלויז דערפאר, דאס איז איינע פון די קלענסטע זאכען. איהר אבער, הייסט עס, זיינט פריי,

באלעטא. איך בינדען דא ניט קיינע פֿערפֿליכטונגען. דערפֿאר פֿרעג איך אייך, ווילט איהר אייער שיקזאל פֿעראייניגען מיט מיינעם אויף אייביג?

באלעטא. (טרעט צוריק דערשראקען) אך, וואס רעדט איהר!

ארנהאלם. אויף דעם גאנצען לעבען, באלעטא. ווילט איהר ווערען מיין פֿרוי?

באלעטא. (שטילער, ווי צו זיך אליין) ניין, ניין! דאס איז אונמעגליך, אונמעגליך...

ארנהאלם. דענקט איהר ווירקליך, אז עס איז אונמעגליך?

באלעטא. איהר האט דאס אודאי געמיינט זאגען אין שפאס, הערר ארנהאלם! (קוקט זיך איין אין איהם) אדער טאקי?... אט דאס האט איהר געמיינט, ווען איהר האט מיר פֿארגעשלא-גען אייער הילף?

ארנהאלם. הערט מיך אויס, באלעטא. מיינע ווערטער האבען, ווי עס ווייזט אויס, אייך שטארק איבעררראשט. מעגליך, דאס איהר זיינט גערעכט. איהר האט דאך ניט געוואוסט, דאס די גאנצע רייזע האב איך בלויז אונטערנומען צוליעב אייך.

באלעטא. וואס? איהר זיינט געקומען בלויז צוליעב מיר?

ארנהאלם. יא, באלעטא. דעם פריהלינג נאך האב איך ערהאלטען א בריעף פֿון אייער פֿאטער, פֿון ווע לכען איך האב געקענט קומען אויף דעם געדאנק, הממ... דאס איהר האט צו אייער אלטען לעהרער עטוואס מעהר... ווי א... פֿריינדלי-כעם געפֿיהל...

באלעטא. ווי אזוי האט דער פאפא געקענט שרייבען אזא זאך?

ארנהאלם. ער האט ניט גערענקט דערמיט דאס, וואס איך האב אינטער דעם פֿערשטאנען. ווי אזוי עס איז שוין

געווען, איך האב זיך דער־ווײלע צוגעוואוינט צו דעם געדאנק, דאס דא, אין דעם פלאץ געפינט זיך א יונגעס מיידעל, וועלכע טרוימט פון מיר, און וועלכע ווארט אויף מיין צוריקקומען. ניין, שלאגט מיר ניט איבער, טהייערע באלעטא! זעהט איהר, פאר א מענשען, ווי איך בין, וועמענס יוגענד איז שוין פאראיבער, האט אזא געדאנק, אדער איינבילדונג א גרויסע ווירקונג. אין מיין נשמה האט זיך ערוועקט א ליעבע איים דאנקבארקייט צו אייך. מיר האט זיך געדוכט, דאס איך דארף קומען אהער, זיך דורכרעדען מיט אייך, אייך ערקלעהרען, דאס איך פיהל צו אייך דיזעלבע געפיהלען, וועלכע איך האב גערעכענט איהר פיהלט צו מיר.

באלעטא. אבער יעצט, ווען איהר האט ערפאהרען, אז דאס אלעס איז א טעות! אז דאס איז ניט!...

ארנהאלם. איך קען דא גאר גיט העלפען, באלעטא אייער געשטאלט וועט אימער פערבלייבען אין מיין גערעכענים, צוזאמען מיט דער אויפרעגונג, וואס דער טעות האט ביי מיר ארויסגערופען. מעגליך, איהר קענט דאס ניט פערשטעהן, עס איז אבער פארט אזוי.

באלעטא. איך וואלט קיינמאל ניט געווען געגלויבט, אז עטוואס עהנליכעס זאל קענען פארקומען.

ארנהאלם. ווען דאס זאל זיך אבער ארויסצייגען אלס מעגליך, וואס וועט איהר דאן זאגען? מעגליך, דאס איהר וועט זיך ניט בעדענקען און ווערען מיין פרוי?

באלעטא. מיר שיינט דאס אונמעגליך, העדר ארנהאלם. איהר זיינט דאך נאך געווען מיין לעהרער! איך קען זיך אויסער פריינדליכע פערהעלטניסע צווישען אונז ביידע ניט פארשטעלען.

ארנהאלם. באטש איהר געפינט דאס פאר אונמעג־ליך, דאך האף איך, דאס מיר בלייבען פארט ביי אונזערע פריי־הערדיגע בעציהונגען צווישען זיך, פריילײן באלעטא.

באלעטא. וואס מיינט איהר מיט דעם?

א ר נ ה א ל ם. עס פערשטעהט זיך, דאס איך וועל מיך ניט צוריקציהען פון מיין פערשפרעכען. איך וועל זארגען דערפאר איהר זאלט קענען אויעקפאהרען פון דאנען, און אויסקוקען אביסעל די וועלט. איהר זאלט זיך קענען לערנען דאס, וואס אייך אינטערעסירט, איהר זאלט קענען לעבען אונטער אונאבהענגיגע אומשטענדען. אייער צוקונפט וועל איך אייך בעזארגען. באלעטא, איהר דארפט ניט צווייפלען, דאס איהר וועט אימער געפינען אין מיר אייער בעסטען פריינד.

ב א ל ע ט א. א, גאט, הערר ארנהאלם, דאס איז דאך אבער יעצט אונמעגליך.

א ר נ ה א ל ם. אייך דאס איז אונמעגליך?

ב א ל ע ט א. יא, בערעבענט דאס אליין! נאכדעם, ווי איהר האט מיך געפרעגט און נאך דעם ענטפער, וואס איך האב אייך געגעבען... איהר קענט אליין פערשטעהן, דאס עס איז פאר מיר אצינד אונמעגליך צו פערלאנגען אזא גרויסען אפפער פון אייך! גאר ניט, קיינמאל ניט, איך קען מעהר קיין זאך פערלאנגען פון אייך, קיינמאל נאך דעם!

א ר נ ה א ל ם. קלייבט איהר בעסער אוים צו בלייבען דא, און דאס לעבען זאל פערשווינרען פארביי אייך?

ב א ל ע ט א. אך, ווי שווער, ווי שרעקליך שווער צו טראכטען וועגען דעם!

א ר נ ה א ל ם. ווילט איהר זיך ווירקליך ענטזאגען צו זעהן די וועלט? זיך ענטזאגען פון אנטהייל צו נעהמען אין דעם אלעם, וואס אינטערעסירט אייך אזוי שטארק? וויסען, דאס עס עקזיסטירען אזוי פיעל זאכען, פון וועלבע איהר ווילט וויסען און האבען א ריכטיגען בעגריף! בעדענקט אייך גוט, באלעטא!

ב א ל ע ט א. יא, געוויס, איהר זיינט אויך גערעכט, הערר ארנהאלם.

א ר נ ה א ל ם. און נאכהער, ווען אייער פאטער וועט דא מעהר ניט זיין, מעגליך איהר וועט זיך דאן פיהלען הילפלאז,

איינזאם אין דער גאנצער גרויסער וועלט. אדער איהר וועט זיין געצוואונגען הייראטהען א מאן, וועמען איהר וועט אויך ניט ליעבען...

באלעטא. אה, יא, איך זעה א סך אמת אין דעם, נור דאך! אדער מעגליך —

ארנהאלם. (שנעל) נו?

באלעטא. (קוקט אויף איהם, קען זיך ניט בעשליסען) אפשר איז דאס אלעס גאר ניט אזוי אונמעגליך.

ארנהאלם. אייגענטליך וואס באלעטא?!

באלעטא. אננעהמען, איינשטימען אויף... אויף דעם, וואס איהר האט מיר פארגעשלאגען.

ארנהאלם. איהר ווילט אודאי זאגען, דאס איהר וועט זיך דאך בעשליסען? דאס איהר וועט אמווייניגסטען ניט אוועקרייבען פון מיר דאס פערגעניגען צו זיין אייער ערגעבענער פריינד?

באלעטא. ניין, ניין, ניין! דאס, פאר קיין פאל ניט! דאס איז יעצט אונמעגליך. ניין, הערר ארנהאלם, איך וועל בעסער ווערען אייער...

ארנהאלם. באלעטא! ווילט איהר, הייסט...

באלעטא. יא, איך דענק, דאס איך וויל.

ארנהאלם. איהר ווילט דאך ווערען מיין פרוי?!

באלעטא. יא, אויב איהר דענקט נור, דאס... דאס איהר קענט מיט מיר הייראטען.

ארנהאלם. אויב איך קען! (נעהמט זי אן פארץ האנד) אה, איך דאנק אייך, איך דאנק אייך, באלעטא! אייער פריהערינעם קווענקלען זיך, שרעקט מיך גאנץ ווייניג. אויב אייער הארץ בעלאנגט נאך ניט אין גאנצען צו מיר, וועל איך דאס קענען געווינען מיט דער צייט. אה, באלעטא איך וועל אייך פשוט אויף די הענד טראגען!

באלעטא. און איך וועל קענען זעהן די גרויסע

ארומיגע וועלט. איך וועל לעבען מיט דעם אמת'ן לעבען. איהר האט דאס מיר פערשפּראכען.

ארנהאלם. און איך וועל האלטען מיין ווארט.

באלעטא. איהר וועט מיר ערלויבען צו ערלערנען אלעס, אלעס, וואס מיך אינטערעסירט?

ארנהאלם. איך וועל אליין זיין אייער לעהרער, ווי אין די אלטע צייטען, באלעטא. דערמאנט זיך נור אן דעם לעצטען יאהר פון אייער שטודירען אין שולע.

באלעטא. (שטיל, אין זיך בערעכענען, דאס איך וועל קענען זיין פריי און פאהרען אין דער פרעמד, ניט דארפען זיך זארגען מעהר פאר מיין צוקונפט, זיך ארויסדרעהען פון דעם שווערען יאך פון לעבען.

ארנהאלם. ניין, אייך וועט קיינמאל ניט אויסקומען צו טראכטען וועגען אזוינע זאכען. ניט אמת, טהייערע באלעטא, דאס איז דאך אזוי אנגענעהם? וואס זאגט איהר?

באלעטא. יא, דאס איז ריכטיג. דאס איז פאלשטענדיג אמת.

ארנהאלם. (נעהמט זי אדום דער טאליע) אה, איהר וועט ערשט זעהען, ווי שעהן און גוט מיר וועלען זיך איינריכטען אינזער לעבען! וואס פאר א גוטע צוטרויליכע בעציהונגען צווישען אונז וועלען זיך בילדען, באלעטא...

באלעטא. יא, איך דענק אויך אזוי! איך גלויב, דאס עס וועט ווירקליך גוט זיין. (קוקט זיך אום לינקס, רייסט זיך ארויס פון זיין אומארמונג) אך, רעדט גאר ניט וועגען דעם!

ארנהאלם. וואס איז דען געשעהען, טהייערע?

באלעטא. אה, אט דער ארימער (צייגט אן לינקס) קוקט אהין.

ארנהאלם. מיר דוכט זיך, דאס איז אייער פאטער.

באלעטא. ניין, דאס איז דער יונגער סקולפּטאר. ער געהט דאס דארט מיט הילדא'ן.

אַ ר נ ה א ל ם. אַ, לינגסטראַן! וואָס האָט דען מיט איהם פּאַסירט אַזוינס?

ב א ל ע ט א. איהר ווייסט דאָך, ווי שוואַך ער איז.

אַ ר נ ה א ל ם. אויב דאָס איז ניט בלויז קיין פּוסטע איינרעדעניש.

ב א ל ע ט א. אָה, ניין, דאָס איז גאַנץ ריכטיג. ער האָט שוין ניט לאַנג צו לעבען. מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז פיעל בעסער פאַר איהם.

אַ ר נ ה א ל ם. מיין טהייערע, פאַר וואָס דענקט איהר, אַז דאָס איז גאַר בעסער פאַר איהם?

ב א ל ע ט א. יאָ, דערפאַר... דערפאַר, ווייל... ווייל פון זיין טאַלאַנט וועט שוין גאָרניט אַרויסקומען. קומט אַוועק פון דאַנען, איידער זיי געהן צו.

אַ ר נ ה א ל ם. יאָ, קומט, מיר געהן, מיין טהייערע באַלעטאַ. (לינגסטראַן און הילדאַ בעווייזען זיך נעבען טייך).

ה י ל ד א. (שרייט פון ווייטען) עי, עי, איהר ווילט גאָר ניט וואַרטען אויף אונז?

אַ ר נ ה א ל ם. דאָ איז זעהר פרעהליך סיזאָן צייט. כמעט אַלע געהן דאָ אין פּאַרלאַך, ניט אַנדערש.

ה י ל ד א. (קוקט נאָך די אַוועקגעהענדע) איך וועל מיך וועטען מיט אייך, דאָס ער ערקלעהרט זיך איהר יעצט אין ליעבע.

ל י נ ג ס ט ר א ן. אַזוי גאָר! איהר האָט דען עפּעס בעמערקט?

ה י ל ד א. נאָך ווי אַזוי! עס איז גאָר ניט אַזוי שווער צו זעהן, ווען מען האָט נור אויגען.

ל י נ ג ס ט ר א ן. איך דענק אָבער, דאָס באַלעטאַ וועט איהם ניט נעהמען. איך בין אין דעם זיכער.

ה י ל ד א. געוויס וועט זי ניט וועלען, ווייל ער האָט זיך זעהר שטאַרק געעלטערט, און אַ חוץ דעם האָט זי מורא, דאָס זיין איבריגע ביסעל האָר זאָל איהם אין גיכען ניט אויסקריכען.

ל י נ ג ס ט ר א ן. ניט בלויז דערפאר אליין, זי וואלט סיי ווי סיי איהם ניט גענומען.

ה י ל ד א. פון וואנען ווייסט איהר דאס?

ל י נ ג ס ט ר א ן. איך וויים עס, דערפאר, ווייל זי האט פערשפראכען און אנדער מענשען צו טראכטען וועגען איהם.

ה י ל ד א. בלויז טראכטען?

ל י נ ג ס ט ר א ן. יא, אין זיין אבוועזענהייט.

ה י ל ד א. יא, ווי עס ווייזט אוים, זיינט איהר דאס אליין דער מענש, וועגען וועמען זי דארף טראכטען!

ל י נ ג ס ט ר א ן. מעגליך, דאס איהר האט געטראפען.

ה י ל ד א. זי האט דאס אייך פערשפראכען?

ל י נ ג ס ט ר א ן. יא, שטעלט אייך פאר זי האט דאס מיר צוגעזאגט. איהר זאלט אבער גאר ניט דערמאנען וועגען דעם.

ה י ל ד א. אה, גאט בעהיט! איך וועל שווייגען אזוי ווי א פיש.

ל י נ ג ס ט ר א ן. דאס איז זעהר עדעל פון איהר זייט.

ה י ל ד א. און נאכהער, ווען איהר וועט קומען אהער צוריק, וועט איהר זיך פערלאבען מיט איהר? און נאכדעם הייראטען?

ל י נ ג ס ט ר א ן. ניין, דאס וואלט ניט געווען אזא פאסענד געשעפט. די ערשטע פאר יאהר טאר איך גאר ניט טראכטען וועגען דעם. נאכהער וועט אייער שוועסטער שוין זיין צו אלט פאר מיר.

ה י ל ד א. און דאך וואלט איהר וועלען זי זאל אימער טראכטען וועגען אייך?

ל י נ ג ס ט ר א ן. יא, ווייל דאס וועט זיין זעהר ניצליך פאר מיר, פאר מיר, אלס קינסטלער, איהר פערשטעהט? און איהר איז דאך דאס אזוי לייכט צו טהון, זי אליין האט דאך קיין שום בערוף אין לעבען... דאך איז דאס זעהר פיין פון איהר זייט.

הילדא. איהר גלויבט טאקי, דאס אייער קונסטווערק זאל צוגעהן שנעלער ביי אייך, אויב איהר וועט וויסען, דאס באלעטא טראכט וועגען אייך?

לינגסטראן. יא, מיר שיינט אזוי. זעהט איהר, צו וויסען, דאס ווייט, גאנץ ווייט, טראכט וועגען אייך א יונגע, שעהנע מיידעל אין געהיים, דענקט וועגען אייך... מיר שיינט, דאס עס דארף זיין אזוי... אזוי... איך וויים דאס אייך ניט, ווי צו ערקלעהרען.

הילדא. איהר ווילט אודאי זאגען... שפאנענד?

לינגסטראן. ווי שפאנענד? אה, יא, איך וויל זאגען, דאס עס איז זעהר שפאנענד, אדער וואס עהנליכעס. (קוקט זיך איין שארף אין איהר) איהר זיינט דאך א קלוגע, פריילייו הילדא, איהר זיינט שוין, מיר דוכט, צו קלוג. ווען איך וועל קומען צוריק, וועט איהר דאן זיין, פונקט אין די זעלבע יאהרען, וואס אייער שוועסטער איז יעצט. מעגליך, דאס איהר וועט אייך זיין עהנליך צו איהר. קען זיין, דאס איהר זאלט אויך האבען אזא כאראקטער ווי זי, מעגליך, דאס איהר זאלט מיט זיך פארשטעלען אייךביידע.

הילדא. און איהר וואלט דאס וועלען?

לינגסטראן. עהרענווארט, איך וויים ניט. יא, איך דענק, דאס איך וואלט וועלען, אבער יעצט... אויף דעם זומער... וואלט איך זעהר וועלען, דאס איהר זאלט דערווייל בלייבען איינע אליין, און פונקט אזוי ווי איהר יעצט.

הילדא. הממ... זאגט מיר... איך בעט אייך, אלס קינסטלער... געפעהלט אייך, וואס איך טראג אימער ווייסע קליידער?

לינגסטראן. יא, איך געפין דאס עס איז פראכטפאל.

הילדא. רענקט איהר, דאס ליכטיגע קאלירען קליידען מיר.

לינגסטראן. יא אין מיינע אויגען זיינט איהר בעצויבערענד אין אייערע ליכטיגע קליידער.

הילדא. זאגט מיר... אלס קינסטלער... ווי דענקט איהר, וואלט איך אויסגעזעהען אין שווארצען?

לינגסטראן. צו וואס גאר אין שווארצען, פרייליין הילדא?

הילדא. יא, אין גאנצען אין שווארצען, וואלט דאס מיר געקליידט צום געזיכט?

לינגסטראן. שווארצע זאכען טויגען אפילו ניט פאר זומער צייט. דאך וואלט אייך געקליידעט אויך א שווארצעס קלייד, אבער נור אייך, מיט אייער אויסזעהען.

הילדא. (קוקט פאר זיך, ווייט) אין גאנצען אין שווארצען פון קאפ ביז די פיס... א שווארצע קרעפ ביים טויער... שווארצע האנדשוה... אין אונטען א לאנגע שווארצע וואאל.

לינגסטראן. ווען איהר זאלט זיך אזוי אנטהאן, פרייליין הילדא, וואלט איך זעהר וועלען זיין א מאהלער... איך וואלט דאן געקענט מאהלען דורך אייך א יונגע אלמנה אין טרויער.

הילדא. אדער גאר א יונגע כלה אין טרויער.

לינגסטראן. יא, דאס וואלט זיך נאך מעהר געפאסט צו אייך. איך גלויב קוים, דאס איהר זאלט זיך וועלען אזוי אנקליידען.

הילדא. איך ווייס אליין ניט. מיר שיינט אבער, אז דאס דארף זיין זעהר אינטערעסאנט.

לינגסטראן. אינטערעסאנט?

הילדא. יא, זעהר אינטערעסאנט זיך דאס פארצושטעלען. (צייגט פלוצלונג אן אויף לינקס) זעהט בעסער דארטען!

לינגסטראן. (קוקט אויף דער זייט) דער ענגלישער דאמפפער! נעבען סאמע בריק! (וואנגעל און עליזא צייגען זיך נעבען טייך).

וואנגעל. ניין, איך פערזיכער דיר, טהייערע עליזא... דו האסט א טעות! (דערזעהט הילדא'ן מיט לינגסטראנען) אה, איהר

זיינט אויך דא! ניט אמת, הערר לינגסטראן... מי זעהט איהם נאך ניט?

לינגסטראן. איהר רעדט פון ענגלישען דאמפפער?

וואנגעל. נו, יא!

לינגסטראן. (ציינט אן אויף דעם פיארד) ער איז שוין דא, הערר דאקטאר.

עליזא. אך! איך האב דאס געוואוסט.

וואנגעל. געקומען!

לינגסטראן. ער איז צוגעקומען אזוי רוהיג, אזוי שטיל...

וואנגעל. פיהרט דורך הילדא'ן צום בריק, אבער גיך! איהר ווילט דאך אודאי הערען די מוזיק.

לינגסטראן. יא, מיר האבען זיך טאקי געקליבען געהן אהין, הערר דאקטאר.

וואנגעל. מיר וועלען דארט אויך באלד קומען, שפעטער א ביסעל.

הילדא. (רוימט איין לינגסטראנען) אט איז נאך א פאר. (זיי געהען ביידע אוועק דורך דעם גארטען, לינקס. די גאנצע צייט פון די קומענדע האנדלונגען הערט זיך די מוזיק פון וויטען, ביים פיארד).

עליזא. געקומען! ער איז דא! איך פיהל דאס.

וואנגעל. דו וואלסט בעסער אוועק אהיים, עליזא. לאז מיך אליין זיך דורכריידען מיט איהם.

עליזא. אה... דאס איז אונמעגליך! אונמעגליך, זאג איך! (שרייט אויס) אך... דו זעהסט איהם, וואנגעל? (דער פרעמדער בעוויזט זיך פון לינקס. ער שטעלט זיך אפ אויף דער סטעזשקע פון דער אנדערער זייט פלאנקען)

פרעמדער. (נייגט זיך) גוטען אבענד. איך בין אלזא ווידער דא, עליזא.

עליזא. יא, יא... די צייט איז געקומען.

פרעמדער. ביזטו רייזע-פערטיג? אדער דו ווילסט ניט?

וואנגעל. איער זעהט דאך אליין, דאס זי איז ניט פערטיג.

פרעמדער. איך פרעג זי ניט וועגען רייזע קליידער, אדער די רייזע קאסטענס. אלעס, וואס זי דארף אויף דער רייזע, האב איך מיט זיך אויף דער שיף. וועגען א קאיוטע פאר איהר האב איך שוין אויך געזארגט. (צו עליזא'ן) אלזא, איך פרעג דיך יעצט, ביזטו פערטיג מיר נאכצופאלגען... מיר נאכפאלגען, אבער פרייוויליג? (פון ווייטען הערט זיך א קלאנג פון שיף) אט האט שוין געגעבען דער ערשטער קלאנג אויף דער שיף. יעצט האסטו נאך צייט צו זאגען, יא, אדער ניין.

עליזא. (ברעכט די הענד) דער בעשלוס! דער בעשלוס אייף דעם גאנצען לעבען! מעהר וועט דאס ניט קענען איבער־געאנדערשט ווערען!

פרעמדער. קיינמאל. אין א האלבע שעה ארום וועט צו שפעט.

עליזא. (קוקט איהם אן שארף, פרעגענד) פארוואס זוכט איהר אזוי שטארק מיין ליעבע?

פרעמדער. פיהלסטו דען ניט אזוי גוט, ווי איך, דאס מיר דארפען בעלאנגען איינס צום צווייטען.

עליזא. איהר מיינט צוליעב דער שבועה?

פרעמדער. שבועות בינדען קיינעם ניט, ניט דעם מאן און ניט דער פרוי. אויב איך זוך ווירקליך אזוי שטא־ק דיי ליעבע, איז עס דערפאר, ווייל איך קען אנדערש ניט.

עליזא. (מיט א שטיל ציטערדיג קול) ווארום זיינט איהר פריהער ניט געקומען?

וואנגעל. עליזא!

עליזא. (שרייט אויס פלוצים) אה, דיזער מענש, ווי ער רופט און נארט און ציהט אין אן אונבעוואוסטער ווייטקייט! אלע כשוף'ן פון ים האבען זיך אין איהם פעראייניגט! (דער פרעמ־דער קריכט אריבער דעם פלאנקען).

ע ל י ז א. (זיך בעהאלטענד הינטער וואנגעל'ן) וואס הייסט עס? וואס ווילט איהר?

פ ר ע מ ד ע ר. איך זעה איין — און איך פיהל אין דיינע ווערטער, עליזא, דאס דו וועסט פארט מיך אויסקלייבען.

וו א נ ג ע ל. (פערשטעלט איהם דעם וועג) מיין פרוי האט דא קיין אויסוואהל. אויף מיר ליעגט די פפליכט אויסצוקלייבען פאר איהר און... און... זי בעשיצען. יא, בעשיצען! אויב איהר וועט ניט פערלאזען דיזעס ארט, איך מיין, דאס גאנצע לאנד, אויב איהר וועט דאס ניט טהאן, ווייסט איהר כאטש, וואס איך קען טהאן מיט אייך?

ע ל י ז א. ניין, ניין, וואנגעל! נור ניט דאס!

פ ר ע מ ד ע ר. וואס קענט איהר מיר דען טהאן?

וו א נ ג ע ל. איך וועל אייך לאזען פערהאפטען אלס א פערברעכער! מאמענטאל! נאך איידער איהר וועט צייט האבען ארויפצוגעהן צוריק אויף דער שיף! איך ווייס אלעס וועגען דעם מארד אין סקאילדוויק!

ע ל י ז א. אה, וואנגעל, ווי קענסטו?

פ ר ע מ ד ע ר. איך האב דאס ערווארטעט. און דערפאר (ער נעהמט ארויס א רעוואלווער פון א זייטיגער קעשענע) האב איך מיטגענומען מיט זיך אט דאס.

ע ל י ז א. (ווארפט זיך שנעל צו פערשטעלען מיט זיך וואנגעל'ן) ניין, ניין, הרג'עט איהם ניט! הרג'עט מיך בעסער!

פ ר ע מ ד ע ר. איך וועל קיינעם פון אייך ניט הרג'ענען, קענסט זיין רוהיג. דעם רעוואלווער האב איך מיטגענומען פאר זיך אליין, ווייל איך וויל לעבען פריי, און אויך פריי שטארבען.

ע ל י ז א. (מיט א שטייגענדער אויפרעגונג) וואנגעל! איך וויל דיר בלויז איין זאך זאגען, אזוי, דאס ער זאל אויך קענען הערען! דו קענסט מיך צוריקהאלטען! דו האסט די מאכט און אויך די מיטלען דערצו! דו וועסט דאס אודאי טהאן! אבער מיינע געפיהלען, מיינע אלע געדאנקען, אלע מיינע שטרעבונגען

און ערוואַרטונגען, ז י י קענסטו ניט בינדען! זיי וועלען מיך ציהען, שלעפּען אין שטויסען אין דער אונבעוואוסטער וועלט, פאַר וועלכער איך בין בעשאַפען געוואָרען, און צו וועלכער דו האסט מיר פערשטעלט דעם וועג.

ו ו א נ ג ע ל. (שטיל, ליידענד) איך ווייס דאס, עליזא! טריט ביי טריט גליטשסטו זיך ארויס פון מיר. דיין רייסען זיך צום ענדלאזען, אדער גרענצלאָזען... צום אונערררייכבארען... וועט אם ענדע דיין זעעלע פערוואנדלען אין א געדיכטען, פינסטערען נעבעל.

ע ל י ז א. אה, יא, איך פיהל דאס — פונקט ווי א שווארצע פאַר פליגלען וואלטען שטיל געוועהט איבער מיר!

ו ו א נ ג ע ל. דאס וועט אבער פאַר קיין פאַל ניט זיין. דו האסט קיין אנדער רעטונג ניט פאַר זיך. איך, אמווייניגסטען, זעה קיין אנדער אויסוועג ניט פאַר דעם... און דערפאַר וועל איך דא ענדיגען דיזעם געשעפט. דו קענסט יעצט אויסקלייבען דיין אייגענעם וועג, גאנץ פריי...

ע ל י ז א. (ערשטוינט, קוקט איהם אן שארף) איז דאס אמת, אמת, וואס דו האסט נור וואס געזאגט? דו מיינסט דאס פון ריינעם הארצען?

ו ו א נ ג ע ל. יא, פון דער סאמע טיעפקייט פון מיין פערוואונדעטען הארצען זאג איך דאס.

ע ל י ז א. און דו קענסט איינגעהן אויף דעם?! קענסטו דאס אלעס צולאזען?!

ו ו א נ ג ע ל. יא, דאס קען איך, איך קען דאס — ווייל איך ליעב דיך אזוי שטארק.

ע ל י ז א. (מיט א שטיל, ציטעריג קול) האסטו מיך ווירקליך אזוי שטארק ליעב?

ו ו א נ ג ע ל. דאס האבען די יאהרען געווירקט און אונזער צוזאמענלעבען.

ע ל י ז א. (גיט א פּאטש מיט די הענד) און אויך

ווי ווייניג איך האב דאס גענומען אין אנבעטראכט.

וו א נ ג ע ל. דיינע געדאנקען זיינען ניט געווען נעווענדעט אויף דעם. יעצט אבער, יעצט בינדט דיך קיין זאך מעהר צו מיר, אדער צו מיין הויז. יעצט קען דיין אייגענעס, ריכטיגעס לעבען אננעמען די ריכטיגע ווענדונג, ווייל יעצט, עליזא, קענסטו פֿאלקאם פֿריי, אונטער דיין אייגענער פֿעראנטווארטליכקייט, אויסקלייבען.

ע ל י ז א. (כאפט זיך אן פֿאר'ן קאפּ און קוקט אונבעוועגט אויף וואנגעל'ן) פֿריי, און אונטער פֿעראנטווארטליכקייט! און אויך אונטער פֿעראנטווארטליכקייט? דאס, דאס זאגט אן אן איבערקעהרעניש! (פֿון שיף הערט זיך א צווייטער קלאנג)

פֿ ר ע מ ד ע ר. דו הערסט עליזא? דאס איז שוין צום לעצטען מאל. געה שוין!

ע ל י ז א. (דרעהט זיך צו איהם, קוקט אויף איהם שארף און רעדט ארויס מיט א פֿעסטער שטימע) קיינמאל ניט, נאך דעם אלעם.

פֿ ר ע מ ד ע ר. דו געהסט ניט!

ע ל י ז א. (דריקט זיך צו צו וואנגעל'ן) אה, קיינמאל, נאך דעם, וועל איך איהם פֿערלאזען!

וו א נ ג ע ל. עליזא! עליזא!

פֿ ר ע מ ד ע ר. אלזא, גענענדיגט?

ע ל י ז א. יא, געענדיגט אויף אימער!

פֿ ר ע מ ד ע ר. איך זעה יעצט איין, דאס דא איז פֿאראן עטוואס, וואס איז שטארקער פֿאר מיין ווילען.

ע ל י ז א. אייער ווילען האט מעהר קיין מאכט ניט איבער מיר. איהר זיינט פֿאר מיר יעצט ניט מעהר. ווי א טויטער, וואס איז ארויס פֿון ים אויף דער ערד, און וועלכער מוז צוריקגעהן אהין. איך שרעק זיך אבער מעהר ניט פֿאר דעם. און אייער איינפֿלוס, אייער געוואלדיג שטארקער חוש הריח, איז אויך פֿערשוואונדען.

פֿ ר ע מ ד ע ר. זייט געזונד, מאדאם! (ער שפּרינגט אריבער

איבער דעם פלאנקען) פון יעצט אן זייט איהר פאר מיר ניט מעהר, ווי מיין איבער־געלעבטע שיפס ברוך. (ער געהט אוועק לינקס).

וואנגעל. (קוקט זי אן שווייגענד) עליזא, דיין נשמה איז פונקט ווי דער ים. אין איהר איז אויך פאראן אן „עבבע" און „פלוס". פון וואנען איז די איבערבייטונג?

עליזא. פערשטעהסטו דען אליין ניט, דאס אן איבער־ביטונג איז געקימען, דאס אן איבערבייטונג האט געמוזט קומען, ווען איך האב געקראגען די פרייהייט צו אויסקלייבען?

וואנגעל. אין דאס אינבעוואוסטע ציהט דיך ניט מעהר?

עליזא. ניט עס ציהט, ניט עס שרעקט. איך האב גע־קענט דאס נעהמען, איך זאל נור געוועזן וועלען. איך האב איהם געקענט אויסקלייבען, און דערפאר, זיך אויך ענטזאגען.

וואנגעל. ביסלעכווייז הויב איך דיך אן פערשטעהן. דו דענקסט און פיהלסט מיט דיינע פארשטעלונגען. דיין שטארקע בענקשאפט נאכ'ן ים, דיין גאנצע שטרעבונג צום פרעמדען, זיי־נען בלויז געוועזן דיין וואקסענדע גארונג נאך פרייהייט! ניט אנדערש!

עליזא. איך ווייס דיר ניט וואס צו זאגען אויף דעם. דו ביזט געוועזן א גוטער דאקטאר פאר מיר, דו האסט געפונען און האבט אויך געוואגט דאס איינציגע מיטעל. דאס איינציגע מיטל, וואס האט מיר געקענט העלפען.

וואנגעל. זעהר זעלטען, אין די גרעסטע געפאהרען, ווענדען מיר, דאקטוירים, אן אזעלכע געפעהרליכע מיטלען. יעצט אבער, וועסטו ווידער זיין מיינע, עליזא?

עליזא. יא, טהייערער, גוטער וואנגעל! יעצט וועל וועל איך מיך צוריק אומקעהרען צו דיר. יעצט קען איך זיך אומקעהרען, ווייל יעצט קען איך קומען צו דיר פריי, און אונ־טער מיין אייגענער פעראנטווארטליכקייט.

וואנגעל. (קוקט אויף איהר, פול ליעבע) עליזא! עילזא!

א, זיך נור פארשטעלען, דאס יעצט קענען מיר לעבען איינס פאר דעם אנדערען.

עליזא. און לעבען מיט אונזערע ביידענס עראינערונ־גען, מיט דיינע אווי גוט, ווי מיט מיינע.

וואנגעל. יא, ניט וואהר, מיין טהייערע!

עליזא. און אויך פאר אונזערע צווי טעכטער, וואנגעל.

וואנגעל. אונזערע זאנסט?

עליזא. פאר קינדער, דערווייל מיר נאך פרעמדע, אבער ווערענס ליעבע איך וועל זיכער געווינגען.

וואנגעל. אונזערע! (ווארפט זיך פרעהליך קישען איהרע הענד) אה, איך קען נאר ניט אויסדריקען מיין דאנק פאר דעם ווארט! הילדא, באלעסטעד, לינגסטראן, ארנהאלם און באלעטא קומען אן אין גארטען פון דער לינקער זייט, אין דערזעלבער צייט בעווייזען זיך אויף דער סטעזשקע, פון דער אנדערער זייט גארטען, יונגע מענשען, זומער געסט, און נאך מענשען פון שטאדט).

הילדא. (ניט הויך, צו לינגסטראנגען) זעהט נור, ניט א קוק, זעהט דעם פאפא און זי! ווי זעהען דאך ביידע אויס פונקט ווי חתן־כלה!

באלעסטעד. (דערהערענדיג דאס) זומער־צייט, טהייערע פריילין.

ארנהאלם. (קוקט אויף וואנגעל'ן מיט עלידא'ן) די ענג־לישע געהט אפ.

באלעטא. (געהט צו'ם פלאנקען) פון דאנען זעהט מען זי בעסער.

לינגסטראן. די לעצטע רייזע היינטיגעס יאהר.

באלעסטעד. אין גיכען שליסען זיך אלע קוואלען, ווי עס זאגט דער פאעט. דאס איז טרויעריג, מאדאם וואנגעל! אט וועלען מיר אויך מיט אייך זיך מוזען שיידען אויף א שטיקעל

צייט, איך האב געהערט, דאס איהר פאהרט מארגען אפ נאך סקאילדוויק?

וואנגעל. ניין, זי וועט ניט פאהרען. מיר האבען זיך איבערלייגט.

ארנהאלם. (קוקט אויף ביידען, א מאהל אויף איהם, א מאהל אויף איהר) אה, ווירקליך?

באלעטא. (טרעט ארויס פון פארענט) פאפא, איז דאס וואהר?

הילדא. (ווענדט זיך צו עליזא׳ן) הייסט עס, דאס דו בלייבסט מיט אונז!

עליזא. יא, טהייערע הילדא, אויב דו ווילסט נור איך זאל דא בלייבען.

הילדא. (לאכט דורך טרערען) אך, בערעכענט — אויב איך וויל!

ארנהאלם. (צו עליזא׳ן) דאס איז דאך ווירקליך אן איבערראשונג!

עליזא. (לאכט, רעדט ערנסט) יא, זעהט איהר העדר ארנהאלם, איהר געדענקט אוראי וועגען וואס מיר האבען געס־טערן גערעדט? ווער עס איז איינמאל ארוים אויף דער ערד און איז געווארען איהר איינוואהנער, דער קען מעהר דעם וועג צום ים און צום ים-לעבען ניט געפינען.

באלעסטעד. דאס איז דאך אקוראט די געשיכטע מיט מיין „וואסער פרוי"!

עליזא. יא, עהנליך.

באלעסטעד. בלויז מיט דעם אונטערשיעד, דאס די וואסער־פרויען פיהרט דאס צום טוידט. מענשען אבער, קענען זיך אקלא—אקלימאטיזירען. יא, יא, איך פערזיכער אייך, מא־דאם וואנגעל, זיי קענען זיך א—קלי—מאטיזירען.

עליזא. יא, יא, אויף דער פרייהייט, העדר באלעסטער.

וואנגעל. און אונטער אייגענע פעראנטוואָרטליכקייט, טהייערע עליזא.

עליזא. (רייכט איהם שנעל די האנד) יא, ריכטיג, אזוי.

(די ענגלישע שיף שווימט שטיל איבער דעם פיארד. די מוזיק הערט זיך נעהנטער צום ברעג).

(פארהאנג. ענדע.)